STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04599

AF SIBIRER ERD

Khayim Gurevitsh

Permanent preservation of this book was made possible
by Ben & Sarah Torchinsky
in memory of
"Yosl" Mlotek, a good friend and excellent teacher from long ago

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד" 2

בײַלאַגע צום זשורנאַל נומ. 2, 1980

כאַים גורעוויטש

אױף סיבירער ערד

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" • מאָסקווע • 1980

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע

פון אר ן וו ע ר ג ע ל י ס

כאַים גורעוויטש איז געבוירן געוואָרן אין 1916 אינעם שטעטל סטאראָבין (ווײַסרוסלאַנד). פארענדיקט א מעדיצי־נישן טעכניקום. אָנטיילגענומען אין דער גרויסער פּאַטער־לענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1934. צוזאַ־מען מיט אנדערע דיכטער פון ווײַסרוסלאַנד ארויסגעגעבן אין 1940 אין מינסק א זאמלונג לידער „ליריק”. אין די לעצטע יאָרן פארעפנטלעכט אינעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאַנד” לידער־ציקלען און פארצייכענונגען. וווינט אין נאָוואָסיבירסק.

פון דעם גנילאָפּיאַט ביז דעם יענִיסײ

מיט יויסעף ליסערן האָב איך זיך באַקאַנט אין דעם שטענדיק ראַשיקן נאָוואָסיבירסקער צענטראַלן אוניווערמאַג. ער האָט אָנגעמאָסטן אַ ווײַס־שנייִקע פּאַנאַמע און שמייכלענדיק אַ פרעג געטאָן בא מיר אף רוסיש:

— זײַט אַזוי גוט און טוט אַ קוק, ווי פּאַסט עס מיר? פון דער זײַט זעט מען עס בעסער.

ענטפער איך אים, פאַרשטייט זיך, אויך אף רוסיש:

— זייער פײַן! ווי געניײט ספּעציעל פאַר אײַך. אָבער עפּעס ניט צום סעזאָן, אַזעלכע רעגנס, אַז אָנשטאָט אַ פּאַנאַמע וואָלט ניט געשאַט בעסער קויפן אַ שירעם.

זאָגט ער ווידער:

— גלייבט מיר, ווען אַלע נאָוואָסיבירסקער טוישווים וואָלטן אין איין שיינעם טאָג אָנגעטאָן אַפּצולאָכעס דעם וועטער זומערדיקע פּאַנאַמעס, וואָלט מאָמענטאַל אופגעהערט צו רעגענען. די נאַטור וואָלט זיך דערבאַרעמט און אויך זיך געמוזט צופּאַסן צו דער מאָדע.

שווער צו זאָגן, ווי לאַנג וואָלט זיך נאָך געצויגן דער דאָזיקער וויקרעך, נאָר איך האָב באַשטימט אַ גיי טאָן אף וואַ־באַנק:

— הערט זיך אײַן, כאָשעווער כאַווער, ווי איך זע, זײַנט איר מיסטאָמע אַ ייִד, איז לאָמיר אויסנוצן די געלעגנהײַט און, קאָלזמאַן אף דער גאַס הוליעט דער געוויטער, אַ שמועס טאָן אף דער מוטער־שפּראַך.

מאכט ער:

— ביטע! מיט דעם גרעסטן פארגעניגן, איך בין טאקע אָן קיין שום „מיסטאמע״ א ייִדה, און דאפקע ניט קיין פּראָסטער — א בערדיטשעווער. דאָס הייסט, אויב רעכענען לויט דעם גרויסן כעזשבן, בין איך פון דאָרטן אוועקגעפאָרן קימאט מיט פיר צענדליק יאָר צוריק. און דאָ האָב איך זיך שוין אזוי טיף איינגעוואָרצלט, אז איך פארדין די רעכט זיך אָנרופן סי־ביריאַק... נאָר אלציינס איז א טייל פון מײַן הארץ פארבליבן דאָרטן...

פון דעם ווײַטערדיקן שמועס, וועלכער איז שוין ארײַן אין דער ביי־טיקער קאָליִע, האָב איך זיך דערוווּסט, אז יאָסיף יאקאָוולעוויטש איז א קאנדידאט פון געאָגראפישע וויסנשאפטן, אז ער ארבעט אין דעם מײַרעוו־סיבירער הידראָמעטעאָראָלאָגישן אינסטיטוט אינעם סעקטאָר פון הידראָ־לאָגישע אויספאָרשונגען אלס עלטערער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער, און אז כאָטש די טעמאטיק איז בא אים דאָ זייער א פארשיידנארטיקע, פארנעמט ער זיך דעריקער מיט פרילינגדיקע אײַז־קריִעס, וועלכע האָבן אים „פארקישעפט״ מיט א סאך יאָרן צוריק, ווען ער איז נאָך אלט געווען איינגאנצן זעכצן.

אף מײַן פראגע, ווי קומט דאָס מיטאמאָל די קאַץ איבער־ן וואסער, דאָס הייסט די אײַז־טעמע צו א ייִנגל פון אזא מין ניט אײַזיקן אָרט, ווי בערדיטשעוו, ענטפערט ער:

— יאָ, טאקע א גאנץ טשיקאווע פראגע... איז שטעלט אײַך פאָר, אז אָלצדינג האָט זיך אָנגעהויבן פון אים, פונעם גנילאָפּיאט, פאראן דאָרט בא אונדז אזא מין טײַכל, א בײַפלוס פון דעם טעטערעוו, די גרייס ווי א געגנעץ... נעמט איינמאָל אין א שיינעם פרילינגדיקן טאָג, נאָך זייער־ן אינטענסיוון שניי־צעגאנג, דער דאָזיקער „ריז״ און צעגיסט זיך אזוי, אז אינעם וואסער בלײַבן שטעקן עטלעכע כאטעס. פארשטייט זיך, אז קיין גרויסן אומגליק האָט אזא מין סטיכיִע אָנמאכן ניט געקאָנט... מיך אָבער האָט יענץ עפּיזאָדל צערודערט ניט אף געלעכטער... אויב שוין אזא, מי־שטיינסגעזאָגט, „וואסער־ארטעריע״, ווי דער גנילאָפּיאט, קאָן מיטאמאָל אָפּ־טאָן א שפּיצל, האָב איך געטראכט, הײַנט וואס איז שוין דאָ צו ריידן וועגן טײַכן־גיגאנטן, אין וועלכע עס בילדן זיך קאטאסטראָפישע אײַז־קריִעס?

און טאקע פון יענעם מאָמענט, טאָג־איַין, טאָג־אויס, האָט מיַין מויעך אָנגעהויבן עגבערן אַ געדאנק: אַז ווי אַלע דערשיַינונגען אין דער נאַטור, איז אויך דער געבורט פון פארפלייצונגען טיף געזעצמעסיק... און אַז זייערע פּאַוואַדקעס, זייער כאַראַקטער קאָן מען דערלערנען, זייער אָנקום פאָרויס־זאָגן און אויסלייזן מענטשן פון יענע שווערע ליידן, וועלכע אָט די פאַר־פלייצונגען ברענגען...

אָט אַזוי האָט אין די דריַיסיקער יאָרן דער קאַפּריז פון דעם גנילאָפּיאַט געהאָלפן יויסעפקע ליסערן געפינען דעם אייגענעם וועג, זיַין באַרוף.

און מע קאָן טאַקע פאַרשטיין זיַין פרייד, ווען אין 1944, נאָכן פאַרענ־דיקן דעם העכסטן מיליטערישן הידראָמעטעאָראָלאָגישן אינסטיטוט, שיקט מען אים קיין קראַסנאָיאַרסק אין דעם סעקטאָר פון הידראָלאָגישע פּראָג־נאָזן. סאָפּקאָלסאָף האָט זיך פאַרווירקלעכט זיַין טרוים. עפּעס אַ קליי־קיַיט, די טעריטאָריע פון דעם יעניסייער באַסיין! אַזאַ מין אַפּעראַטיווע ראַכוועס, אַזוינע גרויסאַרטיקע פּייזאַזשן! נאָר דעם יונגן טאַלאַנטפולן אינ־זשעניער ליסערן האָט אין דער ערשטער ריי פאַרינטערעסירט דעם יעני־סייס איַיז־רעזשים, איבערהויפּט, נאָטירלעך, די פרילינגדיקע איַיז־קריַיעס, וועלכע רופן דאָ אַרויס גראַנדיעזע פאַרפלייצונגען. אָט די טעמע נעמט בא אים אָפּ גאַנצע צען יאָר נאָכאַנאַנד. האָט ער מיט גרויס איַינגעשפּאַרט־קיַיט און ענטוזיאַזם „אַנאַטאָמירט" דעם קאָמפּליצירטן, זייער קאַפּריזנעם אָרגאַניזם פון דער סיבירער אַמאַזאָנקע... און אין מיַי 1954 פאַרטיידיקט ער גלענצנדיק אין דעם צענטראַלן אינסטיטוט פון פּראָגנאָזן (איצט דער הידראָמעטצענטער פון פססר) די דיסערטאַציע „פרילינגדיקע איַיז־קריַיעס אויפן יעניסיי".

איצט איז שוין ליסער דער אוטאָר פון העכער דריַיסיק זייער אָריגי־נעלע אַרבעטן, צווישן זיי אַ מאָנאָגראַפיע „די פרילינגדיקע איַיז־קריַיעס אויף די טיַיכן פון סיביר". דאָס איז שוין, לויט דעם אָפּרוף פון ספּעציאַליסטן, אַ שעדעווער, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָלאָסאַלן אינטערעס פאַר הידראָלאָגן, געאָגראַפן, הידראָטעכניקער און אויך פאַר סטודענטן פון הידראָמעטעאָראָלאָגישע אינסטיטוטן און געאָגראַפישע פאַקולטעטן.

און דאָ וועט זיַין ניט איבעריק צו זאָגן, אַז אין דעם געביט איז יאָסיף יאַקאָוולעוויטש בא היַינטיקן טאָג איינער פון די גרעסטע אווטאָריטעטן.

עס ווילט זיך אויך אָפּמערקן אַ זייער וויכטיקע דעטאַל אין זײַן ביאָ־גראַפיע. אין סאַך פון די פּופּציקער און אין דער ערשטער העלפט פון די זעכציקער יאָרן האָט ליסער געאַרבעט אין דעם נאָוואָסיבירסקער פי־ליאַל פון דער אַלפאַרבאַנדישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע (אין דער אײַז־טערמישער לאַבאָראַטאָריע באַם טראַנספּאָרט־ענערגעטישן אינסטיטוט). פאַר דעם דאָזיקן פּעריאָד האָט ער אַרײַנגעטראָגן זײַן כיילעק אין דער קראַסנאָיאַרסקער און בראַטסקער הידראָעלעקטראָסטאַנציעס, וווהין ער פלעגט סיסטעמאַטיש אַרויספאָרן, קעדיי אָנטיילנעמען אין די נאַטור־פאָר־שונגען אויפן יעניסיי און אויף דער אַנגאַראַ און קעדיי צו לייזן די פראַגע וועגן דעם אײַז־גאַנג.

אונדזער שמועס האָט זיך אַ ביסל פאַרצויגן, ס׳איז שוין בעפיירעש צײַט געווען זיך פאַנאַנדערגיין, נאָר דאַן האָב איך אַ פרעג געטאָן:

— ווי איך פאַרשטיי, האָט איר די בעסטע אײַערע יאָרן אָפּגעגעבן דער אײַז־טעמע, איר דערפירט דאָס, ווי מע זאָגט, צום טאַכלעס, איז ניט שוין זשע רעגט זי נאָך אײַך ביזן הײַנטיקן טאָג?..

— יאָ, דאָס איז ווי די ערשטע ליבע: זי ווערט קיינמאָל ניט פאַר־זשאַווערט, שטענדיק קערט מען זיך צו איר אום, שטענדיק קלאַפּט זי זיך אינעם האַרץ און לאָזט קיינמאָל ניט אײַנזיצן רויק... מאָרגן באַטאָג שווים איך אָפּ אויף דער „ראַקעטע" קיין סורגוט. דאָרטן, אויף דעם רעכטן ברעג פונעם טײַך אָב, הייבט מען אָן בויען אַ גרויסן הײַנטצײַטיקן פּאָרט. מוז מען שוין האָבן אַ גענוי בילד פון דעם אײַז־רעזשים אין יענעם ראַיאָן. און אַזעלכע „רעקאָגנאָסצירונגס־אַרויספאָרן" הייבט מען טאַקע שטענדיק אָן אײַנמיטן זומער...

ווען מיר זײַנען אַרויס פונעם אוניווערמאַג, האָט זיך שוין דער געווי־טער אײַנגאַנצן אײַנגעשטילט און די גרינג־געוואָרענע וואָלקנס, פּונקט ווי פרילינגדיקע קרײַעס, האָבן אײַליק אָנגעהויבן אָפּטרעטן. הויך איבער אונדז האָט זיך געבלויט אַ שטיק הימל.

— נו, אָט זעט, — האָט אַ שמייכל געטאָן יאָסיף יאַקאָוולעוויטש, פאַ־ריכטנדיק אויפן קאָפּ די פּאַנאַמע. — די סאַמע געפערלעכע וואָלקן־קרײַע האָט זיך פאַנאַנדערגעזייט, איצט קאָן מען שוין אויף געוויס האָפן אויף אַ גוטן, זוניקן וועטער.

...און דערצו נאָך אַ ביסל אַ פֿאַנטאַזיאַר

צוערשט האָב איך אים דערזען לעם אַ שטײַג, אין וועלכער ס'האָט זיך אָן אופֿהער אַרומגעדרייט אַ ווילדער אַוסטראַליער הונט דינגאָ.

דאָס יאַטל איז געשטאַנען אין אַן ענגן קרײַז פֿון כּעוורעלײַט און האָט מיט גרויס היספּײַלעס עפּעס דערציילט.

דערנאָך, ווען איך בין געזעסן אין קאַבינעט בײַ דער דעזשורנער אַנע פֿיליפּאָוונע טשערנאָבײַ, האָט ער שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיר און איז, האַלטנדיק דאָס בערעטל אין האַנט, צוגעגאַנגען צום טיש:

— גוטמאָרגן אײַך, ביטע! אַנע פֿיליפּאָוונע, ערשטנס, אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך האָב אַף זיך גענומען די ראָל פֿון אַן עקסקורסיע־פֿירער. כ'האָב באַקאַנט אַ גרופּע שילער מיט אונדזער נײַעם דינגאָ.

— אַ גרויסן דאַנק דיר, מישענקע, איך בין איבערצײַגט, אַז די באַקאַנטשאַפֿט איז געווען אַן אינטערעסאַנטע און אַז די אַאודיטאָריע איז פֿאַרבליבן צופֿרידן. נו, און וואָס הערט זיך עפּעס? שוין עטלעכע טעג, אַז איך האָב דיך ניט געזען...

— אָ! בײַ מיר איז אַ גאַנצער יאָמטעוו: איך האָב געקראָגן אַלע פֿיר בענדער פֿון ברעמס „באַלעכאַים־וועלט”. די לעצטע אויסגאַבע. גרויסאַרטיקע אילוסטראַציעס! נו, און דאָס איז טאַקע אַן עמעס, אַנע פֿיליפּאָוונע, אַז ריטע איז קראַנק געווען?

— יאָ, זי האָט זיך, קענטיק, אַ ביסל צוגעקילט, און ס'איז אויסגעקומען זי פֿירן אַף רענטגען. באַלאָנים אַ קוק טאָן אַף אַזאַ מין פּאַציענטקע זײַנען געווען אַ סאַך, — האָט געענטפֿערט אַנע פֿיליפּאָוונע, און שוין אין מײַן זײַט האָט זי פֿאַרענדיקט מיט אַ שמייכל:

— ריטע, דאָס איז אַ מאַלפּע, אונדזער אַלעמענס ליבלינג...

— איר היימלאַנד איז די דאָרעם־מיזרעכדיקע אַזיע, זי איז זייער אַ קלוגע און שטאַמט פֿון אַ פֿײַנעם יִכעס, פֿון די גיבאָנען, וועלכע רעכענען זיך פֿאַר פֿאַרמיטלער צווישן נידעריקערע און העכערע באַשעפֿענישן, — האָט דער יאַט „פֿאַרפֿולט די אַנקעטע” פֿון דער אָריגינעלער רענטגען־פּאַציענטקע.

אין דעם מאָמענט האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן: אַנע פּיליפּאָווּ־נען האָט מען איינגעלאַדן צו עפּעס אַן עדווינען.

— אַנטשולדיקט, — האָט זי זיך געווענדט צו מיר, — איך דאַרף זיך אַף אַ ביסל צייט אָפּשיידן. אַף אָט דעם לייב, מע רופט אים עדווין, איז ווידער אָנגעפאַלן אַ מאַרעשכוירע... און קעדיי איך זאָל דאָ ניט זיין אומעטיק, שמועסט זיך דורך מיט מישען, ער איז איינער פון די בעסטע נאָוואָסי־בירסקער יונגע נאַטוראַליסטן.

אָט אַזוי בין איך פּלוצלינג אין יענעם טאָג געוואָרן אַף אַ סאַך רייַ־כער — זיך באַקאַנט מיט מישע ענטוסן.

ער זיצט שוין לעבן מיר — זייער אַ ליבער, דאָס פּאָנעם אַ באַגייס־טערטס און אַזאַ ליכטיקס, אַז עס דאַכט זיך, די שיין אַהער גייט ניט פון דער זון, נאָר פון אים.

— נו, און פון לאַנג ביסטו שוין, מישע, אַ יונאַט?

— שוין באַלד זיבן יאָר. דעמלט זיינען צוזאַמען מיט מיר געקומען אַהער אַ סאַך כעוורע, דערנאָך, איך וווּנדער זיך אַפּילע, וויאַזוי האָט דאָס געקאָנט טרעפן, בין איך פון אונדזער קלאַס געבליבן איינער... נו, און איצט, פאַרשטייט זיך, קאָן איך אָן דעם זאָאָפּאַרק פּאַשעט זיך ניט באַ־גיין.

— פאַרוואָס זיינען די איבעריקע כעוורע ניט פאַרבליבן?

— זיי האָבן געמיינט אַוואַדע, אַז ווי נאָר מיר וועלן דאָ איבער־טרעטן די שוועל, וועט מען אונדז גלייך אונטערטראָגן אַף אַ גילדענעם טעלערל עדווינען אַליין — נאָט איך דעם קייסער פון אַלע כייעס, האַלט איבער אים שעפּטום, דרעסירט אים... עס איז זיי אַפּילע ניט געקומען אַפן זינען, אַז קוידעמקאָל האָט מען געקאָנט אַרייַנשטעקן עמעצן אַ בעזעם אין האַנט: קער אויס די אַלייען, און פאַרגעס ניט, אַז אין אַ זאָאָפּאַרק דאַרף זיין ריין...

— באַ דיר, ווי איך פאַרשטיי, זיינען מיסטאָמע אויך די עלטערן ליבהאָבער פון כייעס...

— ניין, וואָס רעדט איר! דער טאַטע איז אַ ראַדיאָ־טעכניקער אַף דעם „עלעקטראָסיגנאַל", די מאַמע — אַ קאַרדיאָלאָג אין דער דרייסיקסטער

פּאָליקליניק. און איצט מעג מען זיך מודיע זײַן, די זאך איז שוין א פּאר־
גאנגענע, אין ערשטן יאָר פלעג איך זיך ארויסרײַסן אהער מיט גוואלד,
זיי האָבן אלץ מוירע געהאט, ס'זאָל מיך, כאסוועכאָלילע, ניט פארצוקן דער
היפּאָפּאָטאם...

— מיסטאמע איז אינדערעמעסן געפערלעך צו אײַסעקן זיך מיט די
ווילדע כײַעס...

— ווי זאָל איך אײַך דאָס דערקלערן? זיי זײַנען א סאך קליגער, זייער
פּסיכיק איז פיל קאָמפּליצירטער, איידער מיר שטעלן זיך דאָס פאָר. און
א שלעכטן לויט דער נאטור מענטשן, וויאזוי ער זאָל זיך ניט מאסקירן,
דערשמעקן זיי מאָמענטאל, א שלעכטער מענטש פילט זיך דאָ בעפיירעש
ניט מיט אלעמען. אפילע דעמלט, ווען בא עמעצן זײַנען די נערוון ניט
אין דער נאָרמע, אָדער ס'איז שווער אפן הארצן, איז בעסער זיך האלטן
פונדערוויַטן. נו, און א גוטער מענטש האָט ניט וואָס צו מוירע האָבן, ער
וועט פריער אָדער שפּעטער געפינען מיט זיי אן אלגעמיינע שפּראך. און
ביכלאל דארף מען שטענדיק געדענקען, אז פונקט ווי בא מענטשן, איז
בא כײַעס שטארקער פארפּראָגראמירט גוטס, איידער שלעכטס.

מישע לויפט זיך דורך מיט די פינגער איבער דער געדיכטער
טשופּרינע און נאָך א פּאוזע טוט ער מיטאמאָל א פרעג:

— זאָגט דעם עמעס, איר וועט פון מיר ניט לאכן? איך בין א ביסל
א פאנטאזיאָר...

— ניין, פארשטייט זיך, ווײַל ווי קאָן איך, מישענקע, לאכן, אויב
פאנטאזיאָרן האָב איך זייער ליב...

— נו, און אויב דאָס איז טאקע אזוי, ווי איר זאָגט, איז הערט מיך,
ביטע, אויס... מיר דוכט, אז ניט קוקנדיק אף פארשיידענע היפּאָטעזעס,
איז אויסער דער ערד אף קיין איין פלאנעטע פון אונדזער גאלאקטיק קיין
שום לעבן ניטאָ. פארפירן אהין לעבעדיקע וועזנס און זיי אײַנגלידערן
דאָרט וועט אויסקומען אונדז. קוידעמקאָל וועט מען דארפן פארקאטשען
די ארבל און אָנפאַנגען די פלאנעטעס מיט זויערשטאָף, דערנאָך פארפלאנצן
וואלד־מאסיוון, און ערשט דעמלט שוין אריבערפירן אהין אונדזערע
ייִנגערע ברידער, צו עטלעכע פּאָר פון יעדן מין, ווײַל אָן זיי וועט דאָס
לעבן קיין לעבן ניט זײַן און מענטשן וועלן אף ווײַטע פלאנעטעס זיך פילן

עלנט... פאַרשטייט זיך, אַז בלוטדאָרשטיקע און ביכלאַל מיִעסע ברויִם וועלן מיר שוין אהינצו ניט שיקן... ניטאָ קיין שום באַדערפעניש איבערצוכאַזערן דעם טאָעס, וועלכן ס׳האָט מיט מיליאָנען יאָרן צוריק דערלאָזט די נאַטור אויף דער ערד...

— ביכלאַל וועט יענער פּעריִאָד זײַן זייער אַן אינטערעסאַנטער, — האָט מישע ווײַטער געשפּינט זײַן פאַנטאַזיע, — פון די קאָסמאָדראָמען וועט מען אָפּשיקן באַפליגלטע נויעכס טייוועס, ס׳וועלן אָנהייבן פונקציאָנירן קאָנטאָרן אויף צו באַזעצן אויף אַנדערע פּלאַנעטעס פאַרשטייער פון דער ערדפאַונע, ס׳וועלן אויפקומען נײַע פּראָפעסיעס...

— אומזיסט האָסטו זיך געשעמט, דאָס איז דאָך זייער אַן אָריגינעלער און דרייסטער געדאַנק, קימאַט ווי אַ פאַרטיקער סוזשעט פאַר אַ פאַנטאַסטישער דערציילונג. ווען מע הערט דײַנע רייד, איז ניט שווער קומען צום אויספיר, אַז אַ וועג אײנעם לעבן האָסטו זיך שוין אויסגעקליבן ענדגילטיק...

— אין סענטיאַבער פאָר איך אוועק זיך לערנען אין טאָמסקער אינסטיטוט, אויפן ביִאָלאָגישן פאַקולטעט.

ער האָט זיך פּלוצעם אַ כאַפּ געטאָן:

— נו, און אין אונדזער זאָאָפּאַרק האָט איר שוין אַלץ געזען?

— ניין.

— אויב אַזוי, קומט אין דעם געדעקטן פּאַוויליאָן. דאָרט איז אויך דערווײַל נאָך ענג... — האָט ער זיך ווי באַרעכטיקט, פונקט ווי ער אַליין וואָלט שולדיק געווען אין דעם, וואָס אין נאָוואָסיבירסק איז נאָך ניט פאַרטיק דער נײַער זאָאָפּאַרק...

אין דעם געדעקטן פּאַוויליאָן איז מישע געוואָרן פריילעכער, זײַן פּאָנעם נאָך מער באַגײַסטערט... לעם יעדער שטײַג זײַנען מיר לאַנג געשטאַנען, און איך האָב וועגן די כײַעס באַקומען אַן אויסשעפּנדיקע אינפאָרמאַציע...

און ווען מיר זײַנען צוגעגאַנגען צו דער לעצטער שטײַג, האָט מישע אויסגעשריִען אויפן גאַנצן פּאַוויליאָן:

— אָט איז זי, ריטע! זעט נאָר, סאַראַ באַקלערטע באַוועגונגען זי מאַכט!..

ריטע, א ניט גרויסע לאנגהעגטיקע נעפאשע, האָט אף א שטריקענעם לייטערל דעמאָנסטרירט סאלטאָ־מאָרטאלעס... און איך בין געשטאַנען און געקלערט וועגן דעם, אז גיך, זייער גיך וועט אף דעם רעכטן ברעג פונעם טײַך אָב, לעם דעם זאיעלצאָווסקן באָר, זיך צעשפרייטן דער נײַער נאָ־וואָסיבירסקער זאָאָפארק — איינער פון די סאמע גרעסטע אין סיביר און אפן ווײַטן מיזרעך. אין איין שיינעם טאָג וועל איך ארײַנגיין אהין און א פרעג טאָן:

— ווער איז דאָ הײַנט דער פאראנטוואָרטלעכער דעזשורנע?

וועט מען מיר ענטפערן:

— דער יינגערער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער מיכאיל ענטוס...

יאָ, געוויס אזוי... עס קאָן דען זײַן אנדערש?

דעם נעוראָפאטאָלאָג לייפסאָנס און אייניקל

איינמאָל אין א פרילינגדיקן אָוונט איז אין דעם ווירטשאפטלעכן אָפּ־טייל פונעם נאָוואָסיבירסקער פּיאָנערן־פּאלאַץ, וווּ איך האָב דעמלט גע־ארבעט, ארײַנגעגאנגען א הויכלעך יאטל מיט זייער א מילדן פּאָנעם און אין א פונקט צו דער מאָס, לויט זײַנע שמאָלינקע פּלייצעס, געקעסטלט פּידזשאקל.

ער האָט זיך העפלעך באגריסט און זיך פּאָרגעשטעלט:

— סיאָמע לייפּסאָן פון דער שאָך־סעקציע. מיך האָט אהער געשיקט וואָלדעמאר סטאניסלאוואָוויטש אָפּקלײַבן צוויי זייגערס.

איך האָב אים צוגעפירט צו דער וויטרינע, וווּ ס׳איז געשטאַנען א גאנצער טוץ שאָך־זייגערס:

— ביטע, קלײַב אָפּ...

אופמערקזאם, ווי א געניטער קארדיאָלאָג הערט אויס דעם ריטם פונעם הארץ, האָט סיאָמע אויסגעהערט דעם גאנג פון יעדן זייגער. דערנאָך, פאר־טײַענדיק דעם אָטעם, איינעם נאָכן אנדערן צוגעטראָגן צום מויל, ווי ער וואָלט זיי געפּרוווט אפן טאם...

ווען די נייטיקע זייגערס זײַנען שוין געווען סאָפקאָלסאָף אָפּגעקליבן, איז ער צוגעגאנגען צו מיר:

— א גרויסן דאנק אײַך, באלד וועט זיך בא אונדז אָנהייבן אַן אינטע־רעסאנטע באטאליע. קומט צו גיין, איר שפּילט דאָך, פארשטייט זיך, אין שאָך!..

דעם „פארשטייט זיך" האָט סיאָמע אזוי אויסגעדריקט, אז ס'האָט זיך זייער ניט געוואָלט אים אנטוישן. נאָר דאָך האָב איך זיך געמוזט מודה זײַן:

— צום גרויסן באדויערן, בין איך אין שאָך אינגאנצן א פּראָפאַן, און אָנהייבן אין מײַנע יאָרן איז שוין שפּעטלעך. אָט דו ביסט א מאָלאָדיעץ, דו הייבסט אָן פונקט צו דער צײַט.

דאָס יאטל האָט זיך פארויטלט:

— אנטשולדיקט, איך בין שוין פון לאנג א פערוואָראזריאדניק, און אָנגעהויבן האָב איך, ווען איך בין אלט געווען זעקס יאָר. מײַן ערשטער לערער און קעגנער איז געווען דער זיידע. און ווי נאָר עס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן בא אים אויסשפּילן, פלעג איך זיך צעוויינען. מיר האָט זיך געדאכט, אז ער גיט זיך אונטער אומיסטן, קעדיי מיר ניט אָנטאָן קיין אגמעסנעפּעש. שפּעטער אָבער, ווען איך האָב אָנגעהויבן אופשטעלן אין זיקאָרן און אנאליזירן יענע פארטיִעס, האָב איך זיך איבערצײַגט, אז דער זיידע האָט טאקע קיין אנדער ברייירע ניט געהאט. ער האָט געמוזט אָפּ־שטעלן דעם זייגער...

— און כוץ דעם זיידן האָט דיך דעמלט עמעצער געלערנט?

— אָף מיר האָט נאָך געהאלטן שעפּטום יעווגעני לעאָנידאָוויטש פּעטראָפּאוולאָווסקי, איינער פון די אָנגעזעענסטע נאָוואָסיבירסקער שאָך־וועטעראנען. יענע שאכמאטיסטן, וועלכע זײַנען דורכגעגאנגען דורך זײַנע הענט, וועלן אים זײַן דאנקבאר אפן גאנצן לעבן.

— נו, און ווער פון די וועלט־בארימטע מײַסטערס איז דײַן קומיר?

— פארשטייט זיך, ער... קאפּאבלאנקא. פאר זײַן גאנצער שאָך־קאַריערע האָט דער גרויסער קובינער פארשפּילט בלויז זעקס און צוואנציק פּארטיִעס. עמעס, ווען ער איז געווען געצוווּנגען אָפּטרעטן די שאָך־קרוין אונדזער לאנדסמאן אליאָכינען, האָט ער גענומען זאָגן נעוויִעס: די שאכ־מאטן האָבן, קלוימערשט, זיך אויסגעלעבט, אָט־אָט גייען זיי אונטער.

— און ווי האלט עס טאקע אינדערעמעסן?

— גאַנץ פּאַשעט... פּונקט ווי אומגרענעצבאַר ס'איז דער מענטשלע־כער סייכל, אַזוי קאָנען זיך קיינמאָל ניט אויסשעפּן די שאַך־וואַריאַנטן.

סיאָמע האָט מיט היספּײַלעס דערציילט וועגן זײַנע כאַווײרים פֿון דער שאַך־סעקציע און וועגן דעם, אַז ער לערנט זיך אין דעם זיבעטן קלאַס, און „כוץ אַלצדינג" ענדיקט ער האַיאָר די מוזיק־שול...

— אויב אַזוי, איז באַ דיר נאָך מיסטאַמע פאַראַן אַ מוזיקאַלער „קאַ־פּאַבלאַנקאַ"?

— ענטפערט ער:

— זיי זײַנען באַ מיר עטלעכע: באַך, שאָפּען, טשײַקאָווסקי, הײַדן. אפן ערשטן פּלאַן — באַך. קאָלזמאַן ס'וועט עקזיסטירן די מענטשהײַט, וועלן הילכן זײַנע כאָראַלן און זײַן נאָמען... און הײַדן רעגט מיך שטענ־דיק מיט זײַן טראַגישן גורל. עמעס, ער האָט פּראָטעסטירט. זייער בויי־לעט פּילט זיך דער בונט אין זײַן געזעגענונגס־סימפאָניע. איר געדענקט? ווען יעדער אָרקעסטראַנט, פּאַרלאָזנדיק די בינע, לעשט אויס אַ ליכט... איך וואָלט אָבער אָט דעם פֿינאַל געלייזט פּונקט פאַרקערט.

— וואָס הייסט, פּונקט פאַרקערט?

— זייער פּאַשעט, צוערשט איז אָף דער בינע פינצטער... נאָר אָט האָט אָפּגעשפּילט דער ערשטער אָרקעסטראַנט, און איידער אוועקגיין הינטער די קוליסן, צינדט ער אָן אַ ליכט. נאָך אים דער צווייטער, און אַזוי ביז דעם לעצטן... אין אַלע אומשטענדן איז לאָזן כאָטשבי איין טראָפּנדל שײַן זייער אָנגענעם...

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך סיאָמעס באַזוך האָב איך באַגעגנט דעם אָנפירער פֿון דער שאַך־סעקציע וואָלדעמאַר סטאַניסלאַוואָוויטש אודייעוון. וועגן סיאָמען האָט וואָלדעמאַר סטאַניסלאַוואָוויטש געזאָגט קורץ:

— אַ זעלטן פייִקער יאַט. ניט אומזיסט האָבן אים גענומען אונטער זייער עגידע צוויי געטנס: קאַיסע און יעווטערפּע. איך וואָלט אים פּונ־דעסטוועגן געייצעט זיך אָפּגעבן אין רעשוס פֿון קאַיסען. נו, און מוזיק זאָל פאַרבלײַבן, ווי אַ האָבי.

מיט דער זעלבער וואַרעמקײַט רופט זיך אָפּ וועגן אים די לערערן פֿון פּאָרטעפּיאַנע פֿון דער זעקסטער מוזיק־שול איזאָלדע וולאַדימיראָוונע כוואָראָוואַ:

— סיאָמען קען איך שוין זיבן יאָר, ער איז אויסגעוואקסן אף מײַנע אויגן. ער פאַרמאָגט א גוטן מוזיקאלן טאלאנט, אין אלע קאָנקורסן איז ער שטענדיק איינער פון די ערשטע, ער איז נאָך דערצו א פייִקער שאכמאַטיסט, אָבער איך וואָלט אים געייצעט אין דער ערשטער ריי זיך פאַרנעמען מיט מוזיק...

נו, און סיאָמעס באָבע, מאַריִע זעליקאָוונע, שטייט אף נייטראַלע פּאָזיציעס:

— סיאָמקע וועט זײַן דער צווייטער מאַרק טײַמאַנאָוו, ער וועט זיך אויסלערנען אי דאָס, אי יענץ, נישקאָשע, זײַן קעפּעלע וועט אויסטראָגן. פאַרגעסט ניט, אז ער איז דעם נעוראָפּאַטאָלאָג לייפּסאָנס אן אייניקל!

א לויב־געזאַנג דעם שטיין

באַקאַנט זיך: איסער מײַקאָן, א שילער פון דעם נײַנטן קלאַס, אן אַקטיווער קאָמיוגיסט, א ליבהאָבער פון טעניס און א פּערספּעקטיווער געאָלאָג.

איך האָב זיך מיט אים געטראָפן סאָף זומער אין געאָלאָגישן מוזייפונעם נאָװאָסיבירסקער פיִאָנערן־פּאַלאַץ אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט, זיצנדיק אף די קני, פאַנאַנדערגעפּאַקעוועט א קאַסטן מיט שטיינער.

דערהערנדיק, אז עמעצער איז אַרײַן אין מוזיי, איז ער אופגעשפּרונגען, זיך א ביסל פאַרלאָרן:

— גוטמאָרגן! אײַך אינטערעסירט מיסטאַמע סעמיאָן אַראַנאָוויטש? ער דאַרף באַלד צוגיין, אוועק קלינגען אף דער טאָוואַרנע סטאַנציע, אין אונדזער אדרעס דאַרפן אָנקומען נאָך אזעלכע צוויי קאַסטנס מיט שטיינער.

— אינטערעסאַנט, ווער און פונוואַנען שיקט דאָס זיי צו אײַך און נאָך אזוי אײַנגעפּאַקעוועט, ווי מאַראַנצן אף עקספּאָרט...

— מאַראַנצן איז וואָס? פאַנאַנדערגעוויקלט, אופגעגעסן, און שוין. אָבער דאָס זײַנען דאָך די באַרימטע כיבינער אַפּאַטיטן. געפונען זיי און אײַנגעפּאַקעוועט האָבן מיר אליין, ניט לאַנג צוריק זײַנען מיר געווען אפן קאָלסקער האַלב־אינדזל...

— מיסטאמע איז ניט שלעכט באַ אײַך דורכגעגאנגען די עקספּעדיציע?

— אזוינס פארגעדענקט זיך אפן גאנצן לעבן. ערשטנס, זײַנען מיר אונטערוועגנס געווען אין לענינגראד, באזוכט דעם ערמיטאזש, דעם בארג־אינסטיטוט און דעם אלפארבאנדישן געאָלאָגישן אינסטיטוט. נו, און אונדזער רײַזע איבערן קאָלסקער האלב־אינדזל האָבן מיר אָנגעהויבן פון דער סטאנציע אימאנדרא און זי פארענדיקט אין קיראָווסק — איבערגעכאזערט דעם גאנצן מארשרוט, מיט וועלכן ס'איז אמאָל געגאנגען דער אקאדעמיקער אלעקסאנדער יעווגעניעוויטש פערסמאן, איר האָט געהערט מיסטאמע וועגן אים?

— פארשטייט זיך, אפילע געלייענט מיט גרויס פארגעניגן זײַן ביכל „א רײַזע נאָך שטיינער”. לויט אײַער קאָלעקציע זע איך, אַז איר וואנדערט אויך ניט אומזיסט.

— נאטירלעך. מיר פאָרן דאָך איבער אלע קאנטן פונעם לאנד. פאראיאָרן, צום בײַשפּיל, זײַנען מיר געווען אף אלטײַ, א ביסל פריִער אין קאזאכסטאן. מיט ליידיקע הענט קערן מיר זיך ניט אום. נו, און כוץ דעם פירן מיר אַן אויסטויש מיט אנדערע מוזייען. פארגעסט ניט, אַז יעדער שטיין — דאָס איז א לעבעדיקער איידעס פון דער געשיכטע פון אונדזער ערד, א צעעפנטער בוך, לויט וועלכן מע קאָן דערלערנען די סטרוקטור פון איר קאָרע, זיך דערוויסן, וואָס ס'האָט זיך געטאָן מיט מיליאָנען יאָרן צוריק: ווו און אוועלכער קלימאט ס'איז געווען, ווו האָבן גערוישט אמאָל יאמען, אף וועלכן מאטעריק האָבן געבושעוועט קאטאקליזמען, אין וואָס פאר א ריכטונג האָבן זיך באוועגט די אײַז־בערג, אין וועלכער טקופע און וויִאזוי האָבן זיך אף דער גיגאנטישער קיך פון דער נאטור געקאָכט די נוצלעכע אויסגראָבונגען. יעדער שטיין האָט זיך זײַן אָרנאמענט, זײַן רייעך, זײַן ביִאָגראפיע, זײַן נאָמען און אפילע זײַן לעגענדע. אָט טוט, ביטע, א קוק אין דער מיטעלער וויטרינע, אין דעם רעכטן ווינקל, אפן בוילעטן רויטן שטיין, וואָס רופט זיך „לאָפּאריש בלוט”. אמאָל זײַנען באוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס שוועדן אָנגעפאלן אף די פרידלעכע הילפלאָזע לאָפּארן. בלוט האָט זיך פארגאָסן אף אלע בערג און פעלדזן אזויפיל, אַז עס האָט זיך אײַנגעזאפט אומעטום, אפילע אין די שטיינער... און אָט דער קראסאוועץ, וועלכער גיסט זיך איבער ווי גרינער שמאראגד,

רופט זיך „אשיריט״. אפן טומלענדיקן מארק פונעם אוראלטן באגדאד, דערציילט מען, האָט זיך איינמאָל באוויזן א פארשײַטער סויכער און אָנגעהויבן פארקויפן דעם שטיין, ארויסגעבנדיק אים פאר שמאראגד. א זאק מיט געלט האָט אויסגעלייזט דער שווינדלער, נאָר סאָפקאָלסאָף האָט מען אים אופגעדעקט... נו, און צום שטיין האָט זיך צוגעקלעפט דעם סויכערס נאָמען — אשיריט. און אָט איז ער אונדזערער א סיבירער לאנדסמאַן. מיר האָבן אים געפונען אפן וועג צווישן דעם יִישעוו באַרישעוואָ און אונדזער אקאדעם־שטעטל. זעט נאָר, סאראַ געשטופלטער ער איז, ער שטאמט פון דעם קאָראלן שייוועט, דאָס הייסט, אז מיט מיליאָנען יאָרן צוריק איז דאָרט געווען א יאם, עמעס, ניט קיין טיפער, די קאָראלן־קאָלאָניעס האָבן פײַנט טיפענישן...

איסער האָט איבערגעכאפט דעם אָטעם און מיך געבעטן צוגיין צו דער לעצטער וויטרינע.

— איך פארשטיי בעשום־אויפן ניט, — האָט ער געזאָגט, — דעם טאָך פונעם אויסדרוק: „אויב שטיינער וואָלטן געקאָנט ריידן״. איך בין איבערצײַגט, אז יעדער שטיין האָט זײַן שפראך. אָט, צום בײַשפּיל, גייט איצט צווישן זיי א וויקועך: יענער שווארצער, ווי די פליגל פון א ראָב, זאָגט: „מיט מיר, ברידערלעך, שפאסט ניט, איך בין דאָ צווישן אײַך א פאטריאַרך, זיך געיאוועט אף דער ווײַסער וועלט נאָך דעמלט, ווען די ערד איז געווען א פײַערדיקע קויל״. און זײַן ווײַסשנייִקער פיראמידארטיקער שאָכן ענטפערט אים: „איך בין עפשער ניט קיין פאטריַארך, נאָר שטאָלצירן האָב איך די פולע רעכט: מיך האָט ווי א גרויסן וווּנדער געבראכט אין אייראָפּע פון טיף אזיע אליין מארקאָ פּאָלאָ״. און אָט דאָס קליין, געקנייטשט שטיינדעלע מישט זיך אויך ארײַן אינעם וויקועך: „כאָטש איך בין ניט שיין און ניט באוווסט, נאָר מיינט ניט, אז כ׳בין א טויגעניכץ, אף מײַן רעכטער זײַט האָט זיך פארהיט אן אָפּשטעמפּלונג פון א פּאפּאָראָטניק, וועלכער איז געוואקסן מיט מיליאָנען יאָרן צוריק, און דאָרט, ווו איך בין, געפינען מענטשן שטענדיק שווארץ גאָלד — שטיינקוילן״...

לאנג בין איך געגאנגען נאָך איסערקען ווי א פארקישעפטער. צום ערשטן מאָל אינעם לעבן האָב איך דערהערט אזא מין וווּנדערלעכן לויבגעזאנג דעם שטיין. און איך האָב זיך פּאָשעט פארליבט אין אָט דעם

זעכצניאָריקן יאטל, אין וועלכן עס פילט זיך פערסמאנס טעמפעראמענט.

...אין מוזיי איז אריַין דער דערציִער פון די יונגע געאָלאָגן סעמיאָן אראָנאָוויטש סטראָם. ער האָט זיך גליַיך אָנגעשטויסן, וועגן וואָס מיר האָבן דאָ גערעדט, און אין זיַינע אויגן האָט מען געקאָנט איבערלייענען דאָס זעלבע, ווי בא אלע געניטע פעדאגאָגן, ווען זיי דערפילן, אז זייער ליבלינג, זייער בעסטער שילער וועט אָט־אָט א פּאָכע טאָן מיט די אויסגעוואקסענע פליגלען און א פלי טאָן אין דער גרויסער וועלט, וואָס איז פול מיט ווונדער...

● ● ●

די אייביקע שלאכט

ווי נאָר איך האָב אריבערגעטראָטן די שוועל פון דער אָרדינאַטאָרסקע און זיך באַגריסט מיט גענאַדי מאַטווייעוויטש קאַלסינען, האָט ער גלייך אַלץ פאַרשטאַנען:

— אינטערעסאַנט, א וועלכער ווינט האָט דאָס פאַרטראָגן אהער אין אַזא שפּעטער שאָ אַן אַבסאָליוט געזונטן מענטשן?

איך האָב זיך אַנטשולדיקט פאַר מײַן אומגעריכטן באַזוך און דער־קלערט דעם דאָקטער, אַז וועגן אָט דער באַגעגעניש טרוים איך שוין פון לאַנג און אַז מיך וווּנדערט זײַן, קאַלסינס, שאַרפזיניקייט.

גענאַדי מאַטווייעוויטש האָט א שמייכל געטאָן:

— אָ, די קישעפמאַכער — עסקולאַפּן, היפּאָקראַטס אורייניקלעך! ווע־מען נאָך אַזוי, ווי אונדז, זײַנען באַוווּסט די מינדסטע ניואַנסן פון דער מענטשלעכער נעשאָמע! ניט אומזיסט האָט אונדזער קאָלעגע אוויצענא נאָך מיט א סאַך יאָרהונדערטן צוריק, ווי נאָר ער האָט א קוק געטאָן אויפן צאַנקענדיקן פּרינץ, גלײַך פעסטגעשטעלט, אַז אין דעם פּרינצס האַרץ האָט זיך אַרײַנגעשמוגלט די באַצילע פון ליבע. און דערנאָך שוין, לויטן פּולס פון דעם כוילע, האָט ער אָפּגעזוכט יענעם קוואַרטאַל, יענע גאַס און אַפילע יענץ הויז, אין וועלכן ס'האָט זיך געפּײַניקט דער געגנשטאַנד פון דער דאָזיקער ליבע.

גענאַדי מאַטווייעוויטש האָט פאַרהויבן זײַן קוטשעראַוון קאָפּ:

— נו, און אז איר זײַנט, קיין אײַנהאָרע, פּולקאָם געזונט, האָב איך זיך דערוווּסט גאַנץ פּאָשעט: קיין איין קראַנקער מענטש וועט קיינמאָל אין לעבן ניט עפענען די טיר פון א מעדיציינישן אנשטאַלט אָט אזוי, ווי איר האָט עס נאָרוואָס געטאָן... דאָ קומט שוין צוהילף אונדזער אינטויִציע, און קיין שום ווונדער איז אין דעם בעפּיירעש ניטאָ... און איצט זאָגט שוין, ביטע, פאַרוואָס בין איך דאָס מיטאמאָל געוואָרן אן אָביעקט פון אײַער טרוים?

איך האָב אויסגעשאָסן א גאַנצע אָבאָימע „ווײַלן״:

— ווײַל די, וועלכע זײַנען געווען אונטער אײַער מעסער, זײַנען פון טויט לעבעדיק געוואָרן; ווײַל איר האָט מיט אײַער גרינגער האַנט אומגעקערט אין סטראָי אזויפיל אײַזנבאַנלער, אז מע וואָלט געקענט פון זיי פאָרמירן בריגאַדעס פאַר אלע עקספּרעסן פון דער מײַרעוו־סיבירער מאַגיסטראַל; ווײַל בא אײַך דאַרף מיסטאמע זײַן זייער אן אינטערעסאַנטע ביִאָגראַפיע מיט א סאַך דראַמאַטישע עפּיזאָדן...

מײַן טיראַדע מיט אלע אירע „ווײַלן״ האָט גענאַדי מאַטווייעוויטש פאַרטײַטשט אזוי:

— פון טויט לעבעדיק האָט מען נאָך בא הײַנטיקן טאָג ניט געמאַכט קיינעם. איך זאָג „בא הײַנטיקן טאָג״, ווײַל ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אז ווען־עס־איז וועט דער מענטשלעכער סייכל דערגיין צו דעם, נאָר דאָס איז, ווי מע זאָגט, די פּראָגראַם־מאַקסימום... מיר אָבער פאַרנעמען זיך מיט דער פּראָגראַם־מינימום: זיך שטאַרען אָפּפירן דעם מאַלעכהאַמאָוועס... מײַן אמפּלוא זײַנען מאָגן־אָפּעראַציעס. זייער, פאַרשטייט זיך, קאָמפּליצירטע. און אויב די מענטשן, וועלכע איך האָב אָפּערירט, האָבן זיך אומגעקערט צו אקטיווער טעטיקײַט און דערמאָנען מיך מיט א גוט וואָרט, בין איך, דעם עמעס זאָגנדיק, גוואַלדיק צופרידן. פאַר מיר איז דאָס די העכסטע באַלוינונג. וואָס שײַעך מײַן ביִאָגראַפיע, האָט איר א גרויסן טאָעס, זי איז לאַכלוטן ניט קיין אינטערעסאַנטע און זייער א קורצע: אין 1956 פאַרענדיקט דעם כירורגישן פאַקולטעט פונעם נאָוואָסיבירסקער מעדיציינישן אינסטיטוט, זיבן יאָר געאַרבעט אין מאַריִינסק, דערנאָך האָט מען מיך אריבערגעפירט אהער אין דעם אײַזנבאַן־שפּיטאָל, וועלכער באַדינט די מײַרעוו־סיבירער מאַגיסטראַל...

אונדזער געשפּרעך רײַסט איבער די דזשורנע מעדיצינישע שוועס־טער: זי איז אַרײַנגעקומען צום דאָקטער מיט צוויי פרישע אַנאַליזן. ביז גענאַדי מאַטווייעוויטש קלײַבט זיי פֿאַנאַנדער, באַוויַיז איך זיך גוט צו אים צוקוקן: ניט קיין הויכער, א דאַרער, דאָס פּאָנעם א לענגלעכס, א בלייכס, א באַגײַסטערטס. אַזאַ פּאָנעם פֿאַרגעדענקט זיך אַף שטענדיק, קאָן זײַן דערפֿאַר, ווײַל עס איז זייער ענלעך אַף אַלעקסאַנדער בלאָקס פּאָנעם. די הענט — שמאָלע, די פֿינגער זייער לאַנגע, פֿילבאַרע. אויב איך וואָלט אים דערזען ערגעץ אַנדערש און ניט אין מעדיצינישן אַנשטאַלט, וואָלט איך געוויס געמיינט, אַז ער איז א פּיאַניסט...

גענאַדי מאַטווייעוויטש זאָגט צו דער מעדיצינישער שוועסטער:

— אַף אַזאַ רעזולטאַט האָט מען זיך געדאַרפֿט ריכטן, גרייט צו דעם קראַנקן, אָפּערירן וועט אויסקומען נאָך היַינט.

דערנאָך, ווען מיר פֿאַרבלײַבן ווידער אינצווייען, דערציילט ער וועגן דעם פּאַציִענט:

— אָט איז איַיך, ביטע, א שפּאָגל־נײַער עפּיזאָד, און דאַפֿקע א גאַנץ דראַמאַטישער — בא אָט דעם געפּערלעך קראַנקן איז נאָך דערצו די נערוון־סיסטעם, בילדעריש געזאָגט, אַזוי צעכראַסטעט, ווי די דראָבינע בא א שלימאַזלדיקן באַלעגאָלע...

— הייסט עס, אַז זי, די נערוון־סיסטעם, שפּילט פֿונדעסטוועגן די הויפּט־ראָל.

— יאָ, די נערוון־סיסטעם איז די ערשטע פֿידל, וואָס מאַכט די גאַנצע פּאָגאָדע אין אָרגאַניזם, זי האָט דאָרט פֿאַרכאַפּט אַלע קאָמאַנדנע פּונקטן און אין יעדן ווינקעלע באַזעצט איר אַגענטור. איצט רופֿט אַפֿילע אַרויס א כידעש, וויִאַזוי עס האָט געקאָנט אַזויפֿיל יאָרן הערשן רודאָלף וויר־כאָוס מעטאַפֿיזישע טעאָריע פֿון דער קעמערל־אויטאָנאָמיע. און ווער ווייסט, וויפֿל צײַט וואָלט זי נאָך געוועלטיקט, ווען דער געניִאַלער ענגעלס וואָלט איר ניט געגעבן קיין טויט־קלאַפּ. די נערוון־סיסטעם, האָט ער געשריבן, אַנטוויקלענדיק זיך ביז א געוויסן גראַד, באַהערשט דעם גאַנצן קערפּער און אָרגאַניזירט אים אַנטשפּרעכנדיק מיט אירע באַדערפֿענישן. איר באַגרײַפֿט, ווי פּראָסט, טיף און איבערצײַגנדיק דאָס איז געזאָגט גע־וואָרן!

איך האָב אויסגעהערט גענאַדי מאַטווייעוויטשן מיט גרויס אינטערעס און אַ פֿרעג געטאָן, צי עס באַזאָרגט אים די פֿאַרשטייענדיקע אָפּעראַציע.

— זאָגט מיר נאָר, ביטע, — האָט ער געענטפֿערט, — אַ וועלכער סאָלדאַט פֿילט זיך רויִק פֿאַר אַ שלאַכט? יעדע אָפּעראַציע איז אויך אַ שלאַכט, מיט איר ספּעציפֿישער טאַקטיק און סטראַטעגיע. דער אונטערשייד איז נאָר אין דערין, וואָס אפֿן שלאַכטפֿעלד דערלויבט מען זיך, אָפּהענגיק פֿון דער סיטואַציע, אָפּטרעטן. דאָ אָבער, באַם אָפּעראַציע־טיש, איז אָפּטרעטן אויסגעשלאָסן. און ביכלל איז דער באַגריף: אַ גרינגע אָפּעראַציע, אַ שווערע אָפּעראַציע — גאַנץ רעלאַטיוו. אונדזער אָרגאַניזם איז אַזאַ קאָמפּליצירטער, אַז מע רופֿט אים אָן מיקראָקאָסמאָס...

איך מוז זיך מודה זײַן, אַז אויסגעקליבן אַזאַ שפּעטע שאָ האָב איך דערפֿאַר, ווײַל איך האָב געמיינט, אַז אין אָט דער צײַט וועט גענאַדי מאַטווייעוויטש זײַן אַ ביסל פֿרײַער, און איך וועל האָבן די מעגלעכקײַט אָן איבעריקע רעגע שמועסן מיט אים. נאָר אָט האָט שוין ווידער די מעדיצינישע שוועסטער געעפֿנט די טיר. זי האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר איך האָב דערפֿילט, אַז ס'איז שוין אָנגעקומען דער מאָמענט פֿון צעשיידונג...

ווען איך בין אַרויס אין דרויסן, האָט צוזאַמען מיטן פֿרישן שנייעלע אונטער מײַנע פֿיס זיך אַ שלענגל געטאָן אַ געלבלעך פּאַסיקל. איך האָב זיך אומגעקוקט — דאָס האָט מען שוין אין דער אָפּעראַציאָנער פּאַלאַטע אָנגעצונדן שײַן. באַלד וועט זיך דאָרט אָנהייבן די אייביקע דראַמע צווישן לעבן און טויט. די הויפּט־ראָל (אַזויפֿיל יאָר נאָכאַנאַנד!) וועט שפּילן גענאַדי מאַטווייעוויטש. אַ סאַך קויעך און ענערגיע וועט ער אָפּגעבן אין אָט דעם געראַנגל, וווּ אָפּטרעטן איז אויסגעשלאָסן. און דערנאָך וועט ער, אַ פֿאַרמאַטערטער, אַ בלייכער, אַרויסגיין אין וועסטיביול און אויף דער שטומער פֿראַגע פֿון דעם קראַנקנס פֿרוי און קינדער אַ גליקלעכער ענטפֿערן:

— די געפֿאַר איז פֿאַרבײַ.

דער אַדלער שפּאַק

איך טרײַב ניט איבער: סאַמויל אַבראַמאָוויטש שפּאַקן קענען אין נאָ־וואָסיבירסק אַלע אָן אויסנאַם אײַנוווינער פון דער שטאָט. דאָס איז דערפאַר, ווײַל ער איז אַ היגער געבוירענער און ווײַל ער אַרבעט שוין אַ היפּש ביסל צײַט אין דער פאַרוואַלטונג פון מאַטעריעל־טעכנישער באַ־זאָרגונג. צווישן די בעסטע מענטשן פון אָט דעם זייער סאָלידן אַנשטאַלט איז ער קימאַט דער סאַמע באַוווּסטער אין נאָוואָסיבירסק.

און טאָמער מיינט איר, אַז אין אַנדערע שטעט פון סיביר ווייסט מען ניט וועגן אים, האָט איר אַ גרויסן טאָעס, ווײַל שפּאַק איז דער שעף פון אַן אַפּטייל, וועלכער באַדינט ניט נאָר די נאָוואָסיבירסקער געגנט, נאָר דעם גאַנצן מײַרעוו־סיבירער עקאָנאָמישן ראַיאָן, און דאָס איז שוין אַ שטיק לאַנד — פון אָמסק ביז באַרנאַול. נו, און אויב עמעצן פאַרווילט זיך גאָר מיטאַמאָל דערזען סאַמויל אַבראַמאָוויטשן אין מאָסקווע, איז ביטע! כאַפּט זיך אַרײַן אין „גאָססנאַב״, וועט איר דאָרט זען זײַן פּאָרטרעט, ווײַל ער איז איינער פון די ערשטע שלאָגלער פון קאָמוניסטישער מי, און זײַן אַפּטייל האַלט גאַנץ שטאַרק און קלײַבט זיך בעפּיירעש קיינעם ניט אָפּ־טרעטן די איבערגייענדיקע פאָן פונעם גלאַווק.

אָבער וואַרט נאָר, וואַרט, האָט געדולד, מיר האָבן מיט אונדזער געאָגראַפיע נאָך ניט פאַרענדיקט. אויב עס וועט אײַך מיטאַמאָל פאַרטראָגן אַ טוריסטישער מאַרשרוט קיין וולאַדיוואָסטאָק, איז בעט איך זייער, איר זאָלט ניט אויסמײַדן דעם דאָרטיקן מוזיי פון שלאַכט־רום. און אויך דאָרט וועט איר זיך אָנשטויסן אָף סאַמויל אַבראַמאָוויטשן. איר וועט זיך דער־וויסן, אַז אין סענטיאַבער 1945 האָט אַ גרופּע ראַדיסטן־קאָרעקטירער פון דעם מינע־טראַלשטשיק „אָכאָטסק״ אונטער דער קאָמאַנדע פונעם על־טערן מאַטראָס שפּאַק זיך אַרויסגעזעצט אָף איינעם פון די קורילער אינדזלען און פולקאָם פּאַראַליזירט דעם סאַמוראַישן גאַרניזאָן. אָט די בליץ־שנעלע, דרייסטע אָפּעראַציע האָט פאַרגיכערט דעם אָנגריף פון אונדזער יאַם־פּעכאָטע. איר וועט אַפילו איבערלייענען דאָרט אַזעלכע שורעס: „דער ערשטער אויפן קורילער אַרכיפּעלאַג איז געווען דער עלטע־רער מאַטראָס, דער אָדלער שפּאַק״...

יאָ, זייער אַן אָריגינעלער מענטש איז סאַמויל אַבראַמאָוויטש: אַן עכטער ייִדישער סיביריאַק, וועמענס כאַראַקטער און מאָראַלישע אייגנשאַפטן האָבן זיך ענדגילטיק אויסגעפורעמט אין די גרויזאַמע מילכאָמעיאָרן אויפן שטיל־אָקעאַנישן פּלאַץ. אַ וווּנדערלעך געשמעלץ פונעם ייִדישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער מיטן כאַראַקטער פון דעם באַרימטן שטאַם.

ניט לאַנג צוריק איז סאַמויל אַבראַמאָוויטש געוואָרן אַ זיידע. ס'איז געווען זייער אַ גרויסע סימכע. אַלע האָבן אים באַגריסט, געווונטשן, אַז דאָס אייניקל, די סיביריאַטשקע דוווירעלע, זאָל שטענדיק זײַן געזונט און גליקלעך און אַז אויך אַף ווײַטער זאָל די מישפּאָכע שפּאַק זיך מערן אַף דער סיבירער ערד. דערנאָך האָט מען געפּירט אַ קאַראַהאָד, דער זיידע איז געווען אינדערמיט. זײַן שטאָלץ פאַרהויבענער קאָפּ האָט זיך געוויגט, ווי אַ קרוין פון אַ צעדער. נאָר ווען די יונגע געסט האָבן זיך איבערגעשלאָסן אַף אַ שייק, איז ער אַרויסגעפאַלן פונעם קאָן און צוגעגאַן צום פענצטער, לעבן וועלכן איך בין געשטאַנען.

אונדזער גאַנץ פריילעכער דיאַלאָג האָט זיך אָנגעהויבן פון מײַן קאָמפּלימענט:

— כאָטש דעם שייק האָט איר זיך דערווײַל נאָך ניט אויסגעלערנט טאַנצן, נאָר אַלציינס קומט אײַך הײַנט דער ערשטער פּריז.

— אין אָט דעם יאָמטעוודיקן טאָג איז פאַרדינען אַ פּריז אַף דער ערד ניט שווער, די שטימונג איז אַזאַ, אַז מע קאָן אפילע אַ פלי טאָן צום הימל, ביפראַט אַז מע איז נאָך דערצו אַ שפּאַק...

איך האָב זיך גלײַך אײַנגעשלאָסן אין דער שפּיל:

— פון אַלע פייגל פּאַסט אײַך מערער די פאַמיליע אָדלער... ביכלאַל אָבער קאָן איך ניט פאַרשטיין, ווי קומט דאָס צו אַ ייִדן אַ פויגלשע פאַמיליע און דאַפקע — שפּאַק...

סאַמויל אַבראַמאָוויטש האָט זיך צעלאַכט:

— זאָל איך אַזוי וויסן פון צאָרעס! איך ווייס נאָר, אַז שפּאַק, אויב איבערזעצן פון ווײַסרוסיש אַף רוסיש, איז אַ סקוואָרעץ.

איך האָב צוגעגעבן:

— און אַ סקוואָרעץ, אויב איבערזעצן פון רוסיש אַף ייִדיש, איז אַ שטאַר.

— איצט כאפּט דאָס שוין, ווי מע זאָגט: קאַפּל איז גאַפּל, און גאַפּל איז ווילקע, און ווילקע איז פּילקע, און פּילקע איז פּילארעט...

אונדזער פרייִלעכער שמועס האָט זיך פארצויגן, ס'האָט שוין גע־דראָעט די סאמע גרעסטע געפאר, ווען מע ווייסט ניט ווו זיך אָפּשטעלן. איך האָב א פּרווו געטאָן אָפּווענדן דעם שמועס אין אן אנדער זייַט:

— גיי זײַ א בעריע און טרעף הײַנט, וואָס פאר אן אומשטענדן האָבן אין דער פינצטערער ניקאָלײַעווער ראסייע געצווונגען א ייִדן זיך פאר־שטעלן אונטער א שפּאק...

דאָ האָט שוין סאמויל אבראמאָוויטש אָפּגערעאגירט ערנסט:

— ביכלאל גייט בא אונדז אף אָט דער טעמע פון דאָר צו דאָר א לעגענדע.

— דערציילט, ביטע, גיכער, ווײַל אלציינס וועל איך שוין פון אײַך ניט אָפּטרעטן.

— נו, אויב דאָס האָט אײַך אזוי שטארק פארינטערעסירט, איז הערט אויס. דער אטאמאן יערמאק טימאָפייעוויטש איז געזעסן אפן הויכן ברעג פון אירטיש, א פארטיפטער אין געדאנקען. פּלוצעם זײַנען ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסן לעבן אים הויכע, איינער שענער פון דעם אנדערן, באוואָפנטע יונגען. דאָס זײַנען געקומען פונעם ווײַטן פּאָלאָצקער פירשטנ־טום פרײַוויליקע — צו העלפן אָפּרייניקן די מײַרעוו־סיבירער ערד פונעם לעצטן מאָנגאָלישן כאן קוטשומען. צווישן זיי איז געווען איינער א ייִד — אונדזער אור־אורזיידע.

דער אטאמאן איז אופגעשטאנען, זיך מיט יעדערן צעקושט און האר־ציק, ווי א פאָטער, געזאָגט:

— א גרויסן דאנק אײַך, מײַנע יונגע העלדן. נאָרוואָס האָב איך טאקע געטרוימט וועגן פרישן כאַיל, און א נעס איז געשען. איצט וועט שוין אף געוויס אונדזער שווערער מארש זיך פארענדיקן מיט א זיג און דעם בוסורמאן קוטשומקען וועט זײַן קאיוק. און ווײַל איר זײַנט געקומען פונקט אין דעם טאָג, ווען פון די ווארעמע קאנטן האָבן זיך אָנגעהויבן אומקערן אין סיביר די שטארן און צוזאמען מיט זיי — דער פרילינג, וועל איך פון איצט אָן יעדן קריגער פון אײַער דרוזשינע אָנרופן — שפּאק. אזוי הייסן זיי דאָך אף אײַער ווײַסרוסיש לאָשן...

— אַט אַזוי איז דעמלט אונדזער אור־אורזיידע געוואָרן דער גרונט־לייגער פון דער פויגלשער דינאַסטיע. אגעוו, האָט ער בא יערמאַקן גע־האַט אַ גוטן שעם, ווײַל כוץ דעם, וואָס ער האָט ניט שלעכט געאַרבעט מיט דער שווערד און מיטן שווערן פישטשאַל, האָט ער נאָך באַוויזן וווּנדער מיט דער נאָדל. און ס'איז טאַקע אַ סוואָרע, אַז דאַפקע ער האָט דאָס צו־געפּאַסט אויף יערמאַקן טימאָפייעוויטשעס פּלייצעס דעם פוטער, וועלכן ס'האָט אים געשענקט איוואַן גראָזני... אַט אַזאַ איז די לעגענדע וועגן דעם אָפּשטאַם פון אונדזער פאַמיליע.

— איך דאַרף אײַך זאָגן, סאַמויל אבראַמאָוויטש, אַז דאָס איז אַ גוואַלדיק אינטערעסאַנטע לעגענדע, פּאַסעט אַן אויצער, און פאַרוואָס טאַקע ניט גלייבן איר?

— אַ לעגענדע, פונדעסטוועגן, בלײַבט אַ לעגענדע, — האָט געענט־פערט סאַמויל אבראַמאָוויטש, — אָבער דאָס, וואָס איינער פון אונדזערע זיידעס איז געווען אַ קאָנטאָניסט און האָט דערנאָך באַקומען פּראַוואָזשי־טעלסטווע אין טאָמסק, איז שוין גאַנץ פּינקטלעך.

— אַזוי צי אַזוי, סאַמויל אבראַמאָוויטש, נאָר איר זײַנט אַלציינס אַ פּאָטאָמסטווענער סיביריאַק.

— יאָ, פאַרשטייט זיך, און גלייבט מיר, אַז אויסער סיביר וואָלט איך זיך ניט געקענט אײַנבירגערן אין ערגעץ, אפילו אין סאָטשי, אפילו אינעם גאַניידן אליין. כאָטש דעם עמעס זאָגנדיק, איז דאָ דער קלימאַט זייער אַ האַרבער: די זומערדיקע טעג לויפן דורך, ווי אַ כאָלעם, און פון דעם ווינטער קאָן מען ניט פּאָטער ווערן. אַט נעמט כאָטשבי האיאָר, שוין זעקס כאָדאָשים, אַז ער ציט זיך. באַלד ענדיקט זיך שוין מאַרט, און קיין שום סימאָנים פון פרילינג זעט מען ניט דערווײַל...

איך האָב אַ קוק געטאָן אינעם פענצטער: אויף דער אַנטקעגנדיקער זײַט גאַס האָט אין דער ריכטונג פון דער בוגרינסקער ראָשטשע וואַזשנע געשפּאַנט אַ קאָמפּאַניע יונגע נאַטוראַליסטן מיט שטאַרן־שלאַקן אין די הענט.

איך האָב אַ שמייכל געטאָן:

— מיסטאַמע וועט שוין איצט אויפן פרילינג ניט אויסקומען לאַנג וואַרטן.

סאַמויל אַבראַמאָוויטש האָט אויך באַמערקט די כעוורע:

— נו, איצט איז דאָך שוין ניטאָ קיין אַנדער ברירע...

אַנטדעקן נײַע מאַטעריקן

אין דער שיף־מאָדעלנער סעקציע פונעם נאָוואָסיבירסקער פּיאָנערן־פּאַלאַץ האָט מען זיך געגרייט צו דער פרילינגדיקער אָלימפּיאַדע: קוים דערצײַענדיק זיך צו דעם ווערקשטעל, האָט, שטייענדיק אַף די שפּיץ פינגער, אַ פלינק־אויגיק יאַטל געהובלט אַ באַלוואַנקע. זײַן שאַכן האָט מיט ניטראָפאַרב באַנײַט דעם קאָרפּוס פון אַן אונטערוואַסער־שיפל. דרײַ פּיאָנערן האָבן פלײַסיק אָנגעצויגן די זעגלען אַף אַ ספּאָרט־יאַכטע. ניט ווײַט פונעם פענצטער האָט, קנייטשנדיק דעם שטערן, געהאָרעוועט מיט אַ רייסשינע איבער אַ צעשפּרייטן וואַטמאַן אַ קומענדיקער לאַצמאַן.

אַנטקעגן אים, פונקט דאָרט, ווו עס שטייט דער סטענד „דאָס סאַמע וויכטיקסטע וועלן מיר געפינען אַליין", האָבן צוויי יונגע קאָראַבעלן געגרייט אַ פרישן נומער פון דער וואַנטצײַטונג „רינדאַ". דערוויסנדיק זיך בא זיי, אַז דער אָנפירער פון דער סעקציע גרישע כיניטש איז איצט אינעם „סאַלאָן פון די פאַרטיקע שיפן" און אויסקלאָרנדיק פאַרייגס, אַז „רינדאַ" איז אַ שיף־גלאָק און אַז אין דעם נומער וועט, כוץ אַלצדינג, זײַן „זייער אַן אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציע וועגן דעם סייכל פון דעלפינען", עפן איך שטיל די זײַטיקע טיר. גרישע שטייט לעבן אַ וויטרינע מיט די פאַרטיקע שיפן.

— אָ! איך זע אַן עמעסע עסקאַדרע!

— פאַרשטייט זיך... ווען פון אונדזער שוועל וואָלט זיך אָנהייבן דער אָקעאַן, וואָלטן מיר טייקעף אָפּגעשווומען אַנטדעקן דעם זיבעטן מאַטעריק,— טוט אַ שפּאַס מײַן נײַער באַקאַנטער, און דערנאָך גיט ער צו שוין גאַנץ ערנסט:

— דערווײַל איז בא אונדז אַלץ אין אַזשור, אָבער מיר דוכט, אַז בא דעם ווײַסשנייִיקן עסמינעץ איז די פּאָק־מאַטשטע עטוואָס אָנגעבייגט... אַזאַ כיסאָרן קאָן מען גרינג פאַריכטן.

— דערפֿאַר איז בא אײַך דער קרײַסער פּאַשעט אַן אַנטיק, אַט פּונקט ווי ער וואָלט נאָרוואַס געווען אין די הענט פֿון אַ געניטן יוּווּעליר. דאָ איז אַפֿילו דער פֿײַערלעשער מײַסטערהאַפֿט אָפּגעשלײַפֿט, ער שײַנט, ווי אַ ליאַלקע.

— יאָ, אַף אַט דעם קרײַסער איז אונדז אויסגעקומען טאַקע גוט אַ האָרעווע טאָן. דערפֿאַר אָבער וועלן מיר מיט לײַדיקע הענט אַף דער אָלימ־פּיאַדע ניט קומען. מיר האָבן אויך אַן אויסגעצייכנטן עקיפּאַזש: אַלע יאַטן זייער פֿײַזיקע. מיר האָבן אַפֿילו אויסגעאַרבעט אַן אייגענעם קאָדעקס.

איך לײַען די קלאָלים פֿון דעם אייגנאַרטיקן דאָקומענט:

— היט זיך פֿון שאַבלאָן, ער איז געפֿערלעך, ווי אַ פֿעלדזנשטיין אונ־טערן וואַסער;

— געדענק: יעדע שיף, ווי יעדער מענטש, האָט אַן אייגן פּאָנעם;

— אַרבעטן איבער מאָדעלן פֿון שיפֿן אַן אַ געהעריקער שטימונג הייסט אומזיסט פֿאַטערן צײַט;

— אַ מענטש אָן אַ טרוים איז אַ פֿאַסטעך אָן אַ פֿײַפֿל;

— דער ווינט איז אַ גוטער שוטעף נאָר פֿאַר יענע, וועמ ס׳פֿאַרגעסט ניט פֿאַרן אַרויסגיין אין יאַם שטײַף אָנצוציען די זעגלען.

זאָג איך אים:

— זייער אַ פֿײַנער קאָדעקס. אַזעלכע קלאָלים קאָנען געמאָלט זײַן בלויז דאָרט, וווּ עס הערשט אַן אַטמאָספֿער פֿון עכטן ענטוזיאַזם. נאָר איך קוק אַף דיר, גרישע, און מיר דאַכט, אַז דער ענטוזיאַסט נומער איינס ביסטו אַליין. זאָג, פֿון וואַנען אָן טראָגסטו זיך אַרום מיט דײַן וווּנדערלעכן טרוים?

— דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע, און אָנגעהויבן האָט זי זיך אין יענעם טאָג, ווען כ׳האָב געקוקט דעם פֿילם „וו׳אַזוי עס איז אומגעקומען די שיף „טיטאַניק״. איין זאַך איז, ווען מע באַגעגנט דעם טויט אַף דער טריקע־ניש: פֿאַלנדיק, סטאַרעט זיך דער מענטש אָנכאַפּן זיך פֿאַר דער ערד, און אין דעם לעצטן אויגנבליק דערפֿילט ער זי מיטסאַמע מיט אַלע כּושים. אָבער דאָרטן: אַ פֿינצטערער אײַזיקער וואַסער־ווירבל און צעעפֿנטע מײַ־לער פֿון הונגעריקע אַקולעס. און ווען עקראַן איז אַרויסגעשווומען יענער קאַדער, איר געדענקט עפּשער: דאָס לעצטע איבערגעפּולטע שיפֿל

גייט אָפּ, און איבער דער פּאַלובע פון דעם זינקענדיקן „טיטאַניק“ לויפן ארום מיט שרײַענדיקע קינדער אף די הענט געריירטע פון זינען מאַמעס... האָב איך ניט געקאָנט מער אײַנזיצן אפן אָרט און, קוים אײַנהאַלטנדיק די טרערן, פאַרלאָזט דעם זאַל. עטלעכע טעג האָט מיך מאַמעש געפיבערט, און די עלטערן האָבן שוין געמיינט, אז בא מיר איז מאַליאַריע... דערנאָך האָט מיך פאַרכאַפּט א שטאַרקער ווילן: כ'האָב געהאַלטן אין איין בויען „טיטאַניקעס“, וועלכע האָבן פאַר גאַרנישט ניט מוירע — ניט פאַר די שרעקלעכסטע הוראַגאַנען, ניט פאַר טאָרפּעדעס און ניט פאַר בלאָנדזשענדע אײַזבערג. איך האָב געפּירט מײַן קאַראַוואַן איבער אַלע יאַמען און אָקעאַנען. די פּאַלובעס פון מײַנע וווּנדערלעכע שיפן זײַנען פול געווען מיט פריילעכע קינדער און גליקלעכע מאַמעס. און אין די קרישטאָל־בלויע וואַסערן האָט, ווי א גאָלדענע מעווע, זיך געטוקט די זון. אף לאַנג, זייער אף לאַנג האָט זיך דעמלט אין מײַן הארצן אײַנגעוואָרצלט דער אומרויִקער טרוים...

— נו, און דערנאָך וואָס איז געשען?

— דערנאָך בין איך געקומען אָט אהער, ניט איין מאָל געביסן די פינגער פון פאַרדראָס, ווען עפּעס א דעטאַל פלעגט זיך באַקומען ניט אזוי, ווי מע דאַרף. שפּעטער בין איך געוואָרן א סטודענט פון דעם וואַסער־טראַנספּאָרט־אינסטיטוט, וועלכן איך פאַרענדיק שוין היאָר. נאָר דאָס האָט אין קיין שום פאַל ניט געשטערט, איך זאָל פאַרזעצן זיך פאַרנעמען מיט מאָדעלירן שיפן — אָט דאָ, אין אונדזער פּיאָנערן־פּאַלאַץ. און ווען אונדזער דערציִער ניקאָלײַ איליטש קאָרניִענקאָ איז אריבערגעפאָרן אין אקאַדעם־שטעטל, האָט ער אף זײַן אָרט רעקאָמענדירט מיך.

— נו, און דער טרוים וועגן וווּנדער־שיפן האָט זיך מיסטאָמע שוין בא דיר אויסגעוועפּט?

— איך ווייס ניט. נאָר דאַכט זיך, אז ניין, דער קינדערישער טרוים איז געבליבן אפן גאַנצן לעבן...

אף א נידעריק טישל, לעבן דעם זשורנאַל „קאָראַבליעסטראָיעניע“, איז געלעגן א בויגן פּאַפּיר מיט עפּעס א זייער ניט דײַטלעכער צייכענונג, און איך האָב זיך פאַרינטערעסירט, וואָס דאָס איז אזוינס.

— דאָס איז נאָך דערווײַל קימאַט ווי גאָרניט, — האָט געענטפערט

גרישע, — און איך ווייס אפילע ניט, צי עס וועט זיך עפּעס באקומען. מיר ווילן אָרגאַניזירן א סטענד: „יעדע שיף, ווי יעדער מענטש, האָט אן אייגענעם גורל". דער פּאַרטראַכט איז אזא: אָט נעמט, צום בײַשפּיל, די שוין דערמאָנטע „טיטאַניק" — זי האָט אַ שעמעריר געטאָן, ווי א שטערן, און איז טייקעף אויסגעלאָשן געוואָרן. אָבער אינעם זיקאָרן פון דער מענטשהײַט לעבט זי דאָך נאָך ביז הײַנט. אָדער אונדזער „אווראָרע". מיט איר היסטאָרישן זאַלפּ האָט זי סאַליוטירט דער פּלאַנעטע וועגן דעם אָנקום פון א נײַער, ליכטיקער ערע און דערמיט פאַרדינט איר אומשטערבלעכקײַט. און פאַרקערט: דער אמעריקאַנער לינקאָר „ניו־דזשערסי", וועלכער האָט טעראָריזירט די וויעטנאַמער ברעגן, וועט פאַרבלײַבן ווי א פּיראַט, און פאַרשאָלטן וועט זײַן דער פאַשיסטישער פּיראַט „טירפּיץ"... אויב אונדזער סטענד וועט זיך באַקומען, וועט ער האָבן צוויי קאָלירן: אַ העלן און א שווארצן.

— איצט איז מיר קלאָר, פאַרוואָס אין אײַער סעקציע הערשט אן אַטמאָספער פון ענטוזיאַזם. אָבער אָט וועסטו פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט, און וועסט דאַרפן, מיסטאַמע, אוועקפאָרן...

— יאָ, כאָטש עס וועט זײַן זייער שווער. די צעשיידונג איז אומפאַרמײַדלעך. אַף ספּעציאַליסטן פון אונדזער אינסטיטוט איז דער נאָכפרעג א גרויסער. איבערהויפּט ווארט מען אַף אונדז דאָרט, ווו עס בויען זיך נײַע פּאָרטן, אָדער עס גייט א רעקאָנסטרוקציע פון די אלטע. איך פאָר אלע יאָר אַף פּראַקטיק קיין נאַכאָדקע. מיסטאַמע וועט מען מיך שיקן אהין אַרבעטן. נאָר, אַלציינס, אין וועלכן קאַנט עס זאָל מיך דער גורל ניט פאַרטראָגן, וועל איך סײַוויסײַ שטרעבן צו פאַרווירקלעכן מײַן טרוים, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין דער קינדהײַט.

ווען איך האָב פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר פון דער שיף־מאָדעלנער סעקציע, האָט אַף מיר אן אָטעם געטאָן דער אומענדלעכער אָקעאַן, וועלכער רופט זיך וועלט־רוים און ווימלט מיט מיליאַרדן נאָך ניט אנטדעקטע מאַטעריקן, און ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אז איך זע, ווי צו איינעם פון זיי דערנענטערט זיך אן עסקאַדרע און אַף דעם קאַפּיטאַן־בריקל שטייט אַ שײַנענדיקער גרישע כיניטש...

א טיף־אײַנגעוואָרצלטער צעדער־וואַלד

טאָמער ווילט איר זען, ווי:אזוי עס ארבעט א מײַסטער פון דעם העכסטן קלאַס, איז מאכט, ביטע, אן עקסקורסיע אין דער דרײַ־און־זעכציקסטער נאָוואָסיבירסקער פאַריקמאַכערסקע, ווען דאָרט שטייט באַם פּאַרטעל וולאַדימיר נאומאָוויטש טאַרנאָווסקי. אײַ, איר וועט האָבן פאַרגעניגן!

יעדע טנועה, יעדער קער און ווענד איז בא אים אן אומבאַדינגט נייטיקער קאָמפּאָנענט אינעם אײַגנאַרטיקן טעכנאָלאָגישן פּראָצעס.

אָט נעמט, צום בײַשפּיל, אַזאַ קאַדער. דער קלי:ענט איז שוין אָפּגעצאַצקעוועט, ס'איז פּאַשעט א מעכײַע אף אים צו קוקן, און איר זײַנט איבערצײַגט, אז אָט־אָט וועט וולאַדימיר נאומאָוויטש א פּאַך טאָן מיט דער סערוועטקע און זאָגן, ווי געוויינלעך: „זײַט געזונט, גאָלובטשיק!״ אָבער אַנשטאָט דעם, הייבט ער גאָר אָן פונעם קלי:ענט זיך דערווײַטערן און דאַפּקע אף א גאַנץ היפּשלעכער דיסטאַנץ, נייגט אָן דעם קאָפּ אף לינקס, פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג און פאַרפעלענגירט מאָמענטאַל אין דער שעוועליורע אַזאַ, מישטיינסגעזאָגט, כיסאָרנדל, אַז, אף מײַן ערן־וואָרט, מיר, פּאָשעטע מענטשן, וואָלטן עס אָן דער הילף פון א מיקראָסקאָפּ קיינמאָל ניט באַמערקט... און, ניט ארויסלאָזנדיק יענץ כיסאָרנדל פונעם אויג, אָנצילנדיק די שער, ווי א שפּיז, טוט ער זיך א וואָרף צוריק צום קלי:ענט מיט אַזאַ אימפּעט, אז עס דאַכט זיך: באַלד וועט ער, כאָלילע, מיימעסן אָן אומשולדיקן מענטשן... ווײַזט זיך אָבער ארויס, אז נאָר אף אַזאַ מין אויפן און נאָר פונדערווײַטנס האָט מען געקענט ארויסכאַפּן יענץ אָרט, ווו ס'איז נאָך נייטיק א פּיר טאָן מיט דער שער...

אָן אַנדער מײַסטער וואָלט אַזוינס אף געוויס פאַרזען. פאַר וולאַדימיר נאומאָוויטשן אָבער איז דאָס וואָרט „פאַרזען״ ארויסגעשלאָסן. דערפאַר טאַקע קאָן מען צווישן הונדערט אַנדערע פריזורן שטענדיק דערקענען זײַן ארבעט. ער האָט דאָ א גרויסע קלי:ענטור, און מע פּאָרט צו אים, איבערהויפּט די יונגע, פון דער גאַנצער שטאָט, ווי אַמאָל אין די שטעטלעך צו א גוטן ייִדן, און דער פּלאַן, קיין אײַנהאָרע, גייט, ווי אף פּוטער. אויך דער מאַטעריעלער סטימול, דאָס מיינט זיך טאַקע די פּאַרנאָסע,—

האלעוויִ אַף ווײַטער ניט ערגער. הײַנט דער אוטאָריטעט, דער קאָוועד! ס׳איז נאָך ניט געווען קיין איין יאָמטעוו אָן א פּרעמיע אָדער אָן א גראַ־מאָטע. שוין א סאַך יאָרן נאָכאַנאַנד איז וולאַדימיר טאַרנאָווסקי א שלאָג־לער פון קאָמוניסטישער מי. פאַרזיצער פון צעך־קאָמיטעט. אפן ערן־טאָוול פון דעם דזערזשינסקי־ראיאָן קאָנט איר צווישן די סאַמע אָנגעזעענסטע מענטשן זען אויך זײַן פּאָרטרעט. א סאַך זײַנע שילער ארבעטן איצט אין די גרעסטע נאָוואָסיבירסקער סאַלאָנען, דערונטער דרײַסיק ערשטקלאַסיקע פּאַריקמאַכערס־מאָדעליערן. און אלע שטאָלצירן זיי מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך בא אים געלערנט. עפּעס א קלייניקייַט, טאַרנאָווסקיס שול! דאָ קלינגט עס אזוי, ווי עמעץ וואָלט זיך א באַרים טאָן, אז ער האָט געענ־דיקט א באַוווסטע אקאַדעמיע. און דאָך, ניט קוקנדיק אף אזא גלענצנדי־קער רעפּוטאַציע, האָט וולאַדימיר נאומאָוויטש באַשטימט, אז עס וועט בעפּיירעש ניט שאַטן, אויב ער אליין וועט זיך אויך לערנען.

— נײַע צײַטן, — זאָגט ער, — ברענגען נײַע מאָדעס. און נײַע מאַ־דעס פאָדערן נײַע קענטענישן. אפן אלטן באַגאַזש קאָן מען בלײַבן שטעקן אין קאַסרילעווקע. דערצו דאַרף מען געדענקען, אז אין דעם פינפיאָר פון קוואַליטעט איז דער ערשטער געבאָט: זיך לערנען!

וועגן זײַן פּראָפעסיע, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן אלס א לערן־ייִנגל, נאָך בא א פּריוואַטן מײַסטער, רופט זיך וולאַדימיר נאומאָוויטש אָפּ מיט גרויס אָפּשײַ:

— צו יעדער מעלאָכע דאַרף מען האָבן א באַרוף. אויב א יונגער מענטש האָט ניט אָנגעטראָפן אף זײַן באַשערטער קאַליִע און נאָר איבער דעם געוואָרן א פּאַריקמאַכער, וועט ער, עמעס, קיין ארבעטסלאָזער ניט זײַן, ער וועט גאָלן און שערן, נאָר קיין מײַסטער וועט זיך פון אים אויך ניט באַקומען, ער וועט פאַרבלײַבן אן אייביקער „צירולניק“.

וולאַדימיר נאומאָוויטש שליסט זיך איבער אף זינגען א לויב־געזאַנג לעקאָוועד דעם פאַך:

— מיט דער צײַט וועלן א סאַך פּראָפעסיעס אָפּשטאַרבן, אף אונדז אָבער וועט זיך דער נאָכפרעג ניט אָפּשטעלן. מענטשן וועלן קעסיידער האָבן א ווילן אויסצוזען שענער, און אָן אונדזער הילף איז דאָס אומעגלעך. דערנאָך פאַרגעסט ניט, אז אין די ווײַטע קאָסמישע רייסן וועט זיך קיי־

נעם ניט ווען קאָפּירן דעם בערדיקן ראָבינזאָן קרוזאָ, און אין דער מאַנ־שאַפט פון יעדער לופט־שיף וועט מען איינשליסן אונדזער ברודער... הײַנט, ווער רעדט שוין וועגן יענער צײַט, ווען ס׳וועט זיך אָנהייבן די גרויסע איבערפּעקלעניש אַף די פּלאַנעטעס! אַזוי אַז מיר האָבן ניט וואָס מוירע צו האָבן פאַר אַזאַ קאָנקורענט, ווי דער טעכנישער פּראָגרעס. אין אונד־זער ארבעט לייגן מיר אַרײַן די נעשאָמע, און דאָס איז שוין אַזאַ זאַך, וואָס אפילע די קיבערנעטיק האָט ניט...

וולאַדימיר נאָומאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין מאָלדאַוויע, פון דאָרטן איז ער אוועק אַפן פראָנט. אין דער גאַסטפריינטלעכער שטאָט אַף דעם טײַך אָב, וווהין עס זײַנען געוועזן עוואַקוירט זײַנע עלטערן, איז ער געקומען טייקעף נאָך דער מילכאָמע. אין נאָוואָסיבירסק לעבן אויך זײַנע דרײַ ברידער און שוועסטער, אַלע — באַלמעלאָכעס מיט גאָלדענע הענט, מיט אַ גוטן שעם. בײַ יעדערן זײַנען די קינדער דערפירט צו לײַטן, דערצו וואַקסן נאָך אָן אַ שיר אייניקלעך. אַזוי אַז די טאַרנאָווסקיס אין סיביר — דאָס איז אַ טיף־אײַנגעוואָרצלטער, ברייט צעוואַקסענער צעדער־וואַלד, אין וועלכן עס רוישן ביימער פון דרײַ דורעס.

אַף דער פּראַגע, פאַרוואָס, פונדעסטוועגן, האָט קיינער פון זיי נאָך דער מילכאָמע זיך ניט אומגעקערט אין דער זוניקער מאָלדאַוויע, ענט־פערט וולאַדימיר נאָומאָוויטש אַזוי:

— צו איר האָבן מיר קיין שום פּרעטענזיעס, און ווען ניט היטלער, וואָלטן זיך אונדזערע עלטערן פון דאָרט קיינמאָל ניט געריררט. נו, און דאָ האָט שוין אונדז פאַרהאַלטן די גוטהאַרציקײַט פון די סיביריאַקעס, וועלכע האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין די שווערסטע יאָרן. אוועק־פאָרן פונדאַנען איז פּאָשעט אומעגלעך.

● ● ●

בעלאָצערקאָווער קנאָבל

הינטער נאָוואָסיבירסק, ניט ווײַט פֿונעם שאָסיי, וואָס פֿירט צו דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע, איז אויסגעבויט געוואָרן אַ נײַער אַנסאַמבל פֿון אַדמיניסטראַטיווע געבײַדעס, וואַרשטאַטן, גאַראַזשן, שפּײַכלערס. און באַקומען די שליסלען פֿון אָט דער גאַנצער ווירטשאַפֿט האָט אַן אונטערנעמונג, וועלכע פֿאַרנעמט זיך מיט רעמאָנטירן פֿײַערלעשערמאַשינעס. פֿריִער האָט זי זיך דיסלאָצירט דאַפֿקע נאָענט פֿונעם שטאָטצענטער, אָבער אין אַזאַ ענגן הויף, אַז די מעכטיקע אויטאָמאָבילן — „טײַפֿונען" פֿון די אַרבעטס־קאָמאַנדעס, פֿלעגן זיך אַהין קוים אַרײַנשטויסן. אויך די וואַרשטאַטן זײַנען געווען פֿאַרעלטערטע.

איצט זײַנען אַלע פּראָבלעמען געלייזט, אַזוי אַז דער אָביעקט איז טאַקע זייער אַ וויכטיקער, נאָר, דעם עמעס געזאָגט, לויטן ייִכעס איז ער ניט העכער פֿון אַנדערע צענדליקער אָביעקטן, וועלכע האָבן זיך דאָ אין נאָוואָסיבירסק אין איין צײַט מיט אים געבויט. דאָס זײַנען מיר, די בויער, געווען איבערצײַגט, אַז ער איז שיִר ניט אַזוי גראַנדיִעז און לעבנסנייטיק, ווי די בויונג פֿון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל. דעריבער קענט איר זיך שוין פֿאָרשטעלן, מיט וואָס פֿאַר אַן ענטוזיאַזם עס איז באַ אונדז אַוועק די אַרבעט.

אָנגעשטעקט מיט אַט דעם גוטן געפיל האָט יעדן פון אונדז איסער באַס, דער שעף פון אונדזער גרופּע. די זעלטענע אייגנשאַפט: קענען צו־געבן יעדן געוויינלעכן איניען אַן ערשטראַנגיקע באַדײַטונג, איבערצײַגן אַלעמען, אַז דאָס, וואָס מע טוט איצט, איז דאָס סאַמע, סאַמע וויכטיקסטע, דערהייבן אַלדאָס וואָכעדיקע ביז אַ פֿײַערלעכקײַט, — איז בײַ איסער באַסן ניט קיין מאַניר, נאָר אַ טייל פֿונעם כאַראַקטער. ניט אומזיסט איז ער אין זײַן געבורטס־שטאָט בעלאָצערקאָווו געווען אַ קאָמיוגישער וואָזשאַק. אין די מילכאָמע־יאָרן, דורכמאַכנדיק אין ביטערע שלאַכטן אין באַשטאַנד פֿון אַ מינענוואַרפֿער־פּאָלק דעם וועג פֿון הינטער מאָסקווע ביז קעניגסבערג, פֿלעגט ער טײַנען:

— אַף דעם ברעקעלע היימלאַנד, ווו עס שטייען אונדזערע באַטאַ־רייעס, איז דער צענטער פֿונעם גאַנצן פֿראָנט, און אויב כאָטש איינער פֿון אונדז וועט אַ ציטער טאָן, איז אַלץ פֿאַרפֿאַלן...

אַרבעטן מיט איסערן איז אינטערעסאַנט, נאָר ניט גרינג, ווײַל מע דאַרף אים פֿאַרשטיין אַפֿן ווונק, אַלץ מוז געטאָן ווערן גיך און פּינקטלעך. גאָט באַהיט, אויב דו וועסט אין מעשעך פֿונעם טאָג ניט אויספֿילן די אויפֿגאַבע, וועלכע דו האָסט באַקומען אַף דער „פּלאַניאַרקע“ — דו וועסט כאַפּן פֿון אים אַזאַ כיילעק, ער וועט דיר אַזוי „אָפּפֿרישן דעם מויעך“, אַז די נויטווענדיקײַט זיך שטעלן נאָך דער אַרבעט אונטערן קאַלטן דוש וועט בעמיילע אָפּפֿאַלן.

עמעס, אַ ביסל שפּעטער וועט ער זאָגן רויִק:

— האָט קיין פֿאַריבל ניט, וואָס כ'האָב אײַך פֿאַרשאַפֿן אַגמעסנעפֿעש, אָבער וואָס קאָנען מיר טאָן? אָפּלייגן אַף מאָרגן דאָס, וואָס מע האָט גע־מוזט טאָן הײַנט, האָבן מיר פֿאָשעט קיין רעכט ניט...

דער ראַפּאָרט וועגן דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט דאַרף זײַן קלאָר און געפּרעסט, ווי אַן אַפֿאָריזם. טאָמער אָבער הייבסטו אָן ברײַען אַ מײַסע, כאַפּט ער אַראָפּ די ברילן און הייבט זיך אָן דרייען אַפֿן שטול:

— קירצער!

אויב דו קאָנסט אָבער אין דער רעגע זיך ניט דערקלײַבן צו דעם איקער, גייט שוין בײַ אים דער שטול כאָדאָראָם:

— נאָך קירצער!

בלויז ווען דו גיסט אלץ איבער אין געציילטע ווערטער, טוט ער ווידער אָן די ברילן און לאָזט צורו דעם שטול:

— אָט, איצט איז גוט.

איסער האָט זיך אין דער קינדהייט געלערנט אין א יידישער שול און מיט מיר רעדט ער שטענדיק נאָר אף יידיש, איבערהויפּט קלינגט בא אים די מוטער־שפּראך זייער פיין, ווען פאר עפּעס א כעט טוט ער מיך א נעם אין דער ארבעט...

איינמאָל, אין אָנהייב זומער, ווען די בויונג דערגרייכט דאָ אזעלכע מאסשטאבן, אז דער נאָכפרעג אף צעמענט ווערט גוואלדיק גרויס, האָב איך זיך אומגעקערט פונעם איסקיטימער צעמענט־זאוואָד מיט א פוסטער מאשין. איך האָב שוין געוווּסט, אז גלאט וועט דאָס מיר ניט דורכגיין, און טאקע ווי נאָר כ'האָב געעפנט די טיר, האָט איסער מיך גלייך באגעגנט:

— מע דארף ניט זיין קיין סענדערל, רעב כאים! דו ביסט דאָך ניט געפאָרן צו דער שוויגער אף הייסע לאטקעס מיט קאלטער סמעטענע. אָן צעמענט וועט אונדז דער בעטאָן־קאָמבינאט אָנשטאָט פליטעס געבן א פייג, און עס שטעלט זיך אָפּ דאָס גאנצע רעדל. אלזאָ: מאָרגן — קראָוו איז נאָסא. אָדער צעמענט, אָדער א מעלדונג.

מאך איך זיך שוין א ביסל טאמעוואטע:

— א מעלדונג וועגן וואָס?

— מע דארף דיר קיין פינגער אין מויל ניט ארייַנלייגן, דו ווייסט גאנץ גוט, וועגן וואָס דו וועסט דארפן שרייַבן א מעלדונג... אָלנפאלס, ניט וועגן דעם, מע זאָל דיר געבן אן אומזיסטע פּוטיאָווקע אף קוראָרט...

לעבן דער טיר שטעלט ער מיך פלוצעם אָפּ:

— ווארט צו, כ'האָב זיך מיסטאמע א ביסל א היץ געטאָן, גאָר פאר־געסן, אז איצט איז דער סעזאָן, ווען צעמענט איז פאר די בויער פּונקט אזוי טייַער, ווי פאר די געלערנטע דער לעוואָנע־גרונט. דערצו נאָך זייַנען שוין אונדזערע פאָנדן אויסגעשעפּט...

אָט אזא איז איסער באס.

צו אלע זייַנע מייַלעס האָט ער נאָך איינע, און טאקע אזא, אז מע מעג אים מעקאנע זיין: ער קאָן ארייַנפאלן אין היספּייַלעס פון א ליאדע

קלייניקײַט, וואָס געפעלט אים. איינמאָל, אין אַ יאַנוואַריקן אָוונט, זײַנען מיר געגאַנגען פון דער אַרבעט אַהיים. דער סיבירער ווינטער האָט באַוויזן זײַן כאַראַקטער. צו אונדז האָט זיך דערטראָגן אַ פאַרבאָרגענער קלאַנג — פונקט ווי פונעם פראָסט וואָלט די ערד זיך געטרעסקעט, אָדער אַ ווײַטער שטערן האָט געפּלאַצט ווי אַ נוס. ווען מיר האָבן זיך דערנעענטערט צו אַ ניט הויכן מויער, האָט איסער ענערגיש אויסגעצויגן די האַנט, באַלד עפּעס פאַרקוועטשט אין פויסט און אַ דערפרייטער אויסגעשריִען:

— זע נאָר, זע נאָר... אַ פעדערל! אַיין קליינינק פעדערל, און דער בייזער פראָסט איז גלײַך אָפּגעטראָטן... איז ווער זאָגט דאָס דאָרטן, אַז איין שוואַלב מאַכט נאָך ניט פרילינג?

געזאָגט האָט ער דאָס אַזוי, אַז מיר האָט זיך אויסגעדאַכט: איך זע, ווי אַ שוואַלב זיצט אויף זײַן אויסגעצויגענער האַנט...

דער פראָסט אָבער האָט מיך מאָמענטאַל ניכטער געמאַכט, און איך האָב געזאָגט:

— פונדעסטוועגן, זײַנען אין אַזאַ ווילדער קעלט אַ פּאָר גוטע וואָ־ליקעס פּראַקטישער פון דעם פעדערל, וואָס איז אָקאָרשט אַרויסגעפלויגן פון פענצטער און זיך שוין באַוויזן אָפּקילן. אַפילו פּאַטאָמסטוועגע סיבי־ריאַקעס זעט מען ניט אפן גאַס אין אַזוינע גרינגע שיכלעך, ווי באַ דיר, ביפראַט איצט, ווען די גריפּ־ווירוסן האָבן זיך צעבושעוועט ניט אויף קאַ־טאָוועס.

— נו, — מאַכט ער, — ערשטנס, זײַנען מײַנע שיך זייער וואַרעמע; וואָס איז שײַך די ווירוסן, האָב איך זיי אין אַרבל, דערונטער אויך יענעם... פון האָנקאָנג.

— פאַרוואָס?

— ווײַל איך עס קעסיידער קנאָבל, וועלכן עס שיקט מיר צו דער ברודער פון בעלאָצערקאָוו. דאָס איז קנאָבל פון קנאָבל־לאַנד. ער קאָ־שערט אויס דאָס מויל, מאַכט דאָרט אַזאַ דעזינפעקציע, אַז אַלע ווירוסן אַנטלויפן אין קאַפּעקאַל.

— נו, אויב אַזוי, שווײַג איך...

איצט אַרבעט איסער באַס אין אַ בוי־טרעסט אַלס שעף פון די קאַד־רען, און מיר זעען זיך שוין ניט טאָגטעגלעך.

ניט לאַנג צוריק האָב איך זיך אומגעריכט אָנגעשטויסן אויף אים באַם אַרײַנגאַנג אין צענטראַלן פּאָשטאַמט.

— איך דאַרף דאָ, — האָט ער געזאָגט, — באַקומען אַ פּאָסילקע.

— מיסטאַמע קנאַבל פֿון בעלאָצערקאָוו?

— קנאָבל האָב איך אַליין געבראַכט גאַנץ היפּשלעך, כ׳בין געפֿלויגן אַהין.

— כאָטש דאָס איז זייער אַ גוטע רעפֿוע, אָבער אויב פֿליִען נאָך קנאָבל, וועט עס באַטרעפֿן טײַערלעך...

— ניין, — טוט ער אַ שמייכל, — דעם קנאָבל האָב איך געבראַכט אונטערוועגנס, און געפֿלויגן בין איך אַהין צו דעם פּלעמעניק אויף אַ כאַסענע.

— געווען אַ גרויסע כאַסענע?

— שײַעך אַ גרויסע, באַ אַ צוויי הונדערט מאַן: ייִדן, אוקראַיִנער, רוסן, אַן אינטערנאַציאָנאַלע כאַסענע.

— אויב אַזוי, קומט דאָך דיר אַ מאַזלטאָוו, און האַלעוואַי זאָלן מיר אויך אויף ווײַטער פֿליִען אויף סימכעס.

— האַלעוואַי טאַקע!

●●●

צוויי טשעמפּיאָנען

ווען איך האָב איבערגעלייענט אין דער אָוונט־צײַטונג, אַז דער מענערשער שאָך־טורניר, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען דרײַצן קאַנדידאַטן פאַר מײַסטערס, האָט זיך פאַרענדיקט סענסאַציאָנעל — געזיגט האָט אַ שילער פונעם 8־טן קלאַס פון דער 63־טער שול, דער פופצניאָריקער סאַשע גאָלדין, און אַז אויף דעם פרויען־טשעמפּיאָנאַט, אין וועלכן עס האָבן זיך געראַנגלט עלף ערשטע ראַזריאַדניקעס, האָט געוווּנען די שוועסטער פון דעם נײַעם נאָוואָסיבירסקער טשעמפּיאָן, אַ סטודענטקע פון דעם עלעקטראָטעכנישן אינסטיטוט, ריטע גאָלדינע, — האָט זיך אין מיר צעשפּילט דער אַזאַרט פון אַ רעפּאָרטיאָר.

איך האָב דערפילט, אַז אויב כ׳וועל זיך ניט באַגעגענען מיט סאַשען און מיט ריטען, וועט דאָס זײַן פאַר מיר אַ גרויסער פאַרלוסט און ס׳וועט מיך לאַנג־לאַנג פאַרדריסן.

דעריבער האָב איך טאַקע גלײַך אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן מײַן טרוים: צוערשט גענומען דעם טעלעפאָן־בוך און געוואָלט קלינגען צו אַלע גאָלדינס, ביז איך וועל זיך אָנשטויסן אויף דעם אַבאָנענט, וועלכן איך דאַרף, נאָר טייקעף זיך געכאַפּט, אַז דער וואַריאַנט איז ניט פון די בעסטע, ווײַל כאָטש גאָלדינס אין נאָוואָסיבירסק איז אַ ביסל ווייניקער, איידער אַנדער־

סאָנס אין שטאָקהאָלם, אָבער דאָך, קיין אײַנהאָרע, גאַנץ היפּשלעך... און כ׳האָב באַשטימט, אַז ס׳וועט זײַן גלײַכער אַ פרעג טאָן אין שאָך־קלוב.

און ווירקלעך: דאָרט האָט מען מיר גלײַך געגעבן סײַ דעם אַדרעס, סײַ דעם טעלעפאָן. איך האָב אָנגענומען דעם נייטיקן נומער, און ס׳האָט זיך אָפּגערופן אַ פרויִשע שטים.

— אַנטשולדיקט, ווי איך פאַרשטיי, זײַט איר די מאַמע פון די צוויי טשעמפּיאָנען.

— איר פאַרשטייט ריכטיק, דאָס בין איך טאַקע.

— מיר איז זייער אָנגענעם צו באַגריסן אײַך מיט אַזעלכע באַגאַבטע קינדער. איך וואָלט וועלן, אויב דאָס איז מעגלעך, זיך מיט זיי באַגעגענען.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן... אָבער גרינגער זיך יאָגן אין פעלד נאָך אַ צענדליק האָזן און אויפקלײַבן זיי אין איין זעקל, איידער פּאַקן צוזאַמען אַרכאַראָווצעס... פונדעסטוועגן, קומט צו גיין זונטיק, עפּשער וועט אַף אײַער מאַזל „עפּעס־וואָס" יאָ זײַן אין דער היים.

ווײַזט אויס, איך האָב נאָך יאָ אַ ביסל מאַזל, ווײַל ווען איך בין גע־קומען צו די גאָלדינס, איז דאָרט געווען ריטע. עמעס, זי איז שוין גע־שטאַנען אינעם ספּאָרט־קאָסטיום לעבן טיר און פאַריכט דאָס רימענדל פון אַ ליזשע.

— ווען איר קומט אַף עטלעכע מינוט שפּעטער, וואָלט איר זי שוין ניט געטראָפן, — האָט געזאָגט די מאַמע.

ריטע הערט ניט אויף צו אײַסעקן זיך מיט די שניי־שיך.

— איך וויל גלייבן, — זאָגט זי, און איר מילד פּענעמל טוט שמייכ־לענדיק אַ בליץ אין מײַן זײַט, — אַז אונדזער אינטערוויו וועט דויערן ניט לאַנג. מיר וועלן עס דורכפירן לויט דער סיסטעם „בעקיצער": איך וועל דערציילן, און איר וועט שרײַבן...

— נו, אויב אַזוי, — באַשטעטיק איך, — וועט דאָס אַוואַדע אָפּנעמען ווייניק צײַט.

זי האָט אַוועקגעשטעלט אין ווינקל די ליזשעס, פאַרבעטן מיך צום טיש און פלײַסיק אָנגעהויבן דיקטירן:

— קוידעמקאָל אַ פּאָר ווערטער וועגן אונדזערע עלטערן. די מאַמע סאָפיע איסאַקאָווגע איז אַן אינזשעניער־טעכנאָלאָג. זי האָט פאַרענדיקט

דעם נאָוואָקוזנעצקער מעטאַלורגישן אינסטיטוט אין 1953, און פון דעמלט אָן האָט זי פארבונדן איר גורל מיט דעם זאַוואָד „טיאזשסטאנקאָגידראָפּרעס” אָף יעפרעמאָווס נאָמען. דאָס, וואָס דער זאַוואָד איז דאָ איינער פון די גרעסטע, איז אײַך באַוווּסט. דאָס, וואָס ער לאָזט ארויס אוניקאלע װאַרשטאַטן און פּרעסן, איז אײַך אויך באַוווּסט. דאָס, וואָס די פּראָדוקציע האָט א גוטן שעם ניט נאָר אין אונדזער לאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד, דערונטער אין אַזוינע אינדוסטריעל אַנטוויקלטע לענדער, ווי די פאַרייניקטע שטאַטן, יאַפּאָניע און ענגלאַנד, דאָס איז אײַך אַוודאי באַוווּסט. נו, און אָט דאָס, וואָס אין דעם אַלץ איז פאַראַן אויך מײַן מאַמעס באַשיידענער כיילעק, וועט אײַך שוין זײַן באַוווּסט פון איצט אָן. דער טאַטע וולאַדימיר איסאַקאָוויטש ארבעט אין א פּראָיעקטנעם אינסטיטוט, ער איז א מאָדעלשטשיק. איך מיין, אַז אַזוינע ספּעציאַליסטן, ווי ער, וועלכע קענען ארײַנבלאָזן אין יעדן שטיקל האָלץ א לעבעדיקע נשאָמע, איז שוין גאָר ניט אַזוי פּראָסט צו געפינען. אָט טוט נאָר א קוק אָף יענעם טישל, וווּ עס שטייען אַלע 32 שאָך־פיגורן, דאָס האָט ער זיי אויסגעשניצט. זיי זײַנען דאָך אַזוי ווי לעבעדיקע. גיט אָפּ א קאָמאַנדע, וועט יעדע איינע אַוועקגיין איר גאַנג...

דאָ שטעלט אַוועק א פינטל און הייבט אָן פון א נײַער שורע. ווען אָף יעדער טיר זאָל אָנשטאָט דעם נומער הענגען א פאַמיליען־הערב, וואָלט אונדזער סימבאָל געווען א שאָך־פיגור, ווײַל דאָס געזינדל פון פינף פאַרשוין פאַרמאָגט פיר שאַכמאַטיסטן. דער טאַטע, ראָמקע און איך האָבן דעם ערשטן ראַזריאַד, סאַשע איז א קאַנדידאַט אין מײַסטערס. די קלוגע שאָךגעטן קאָסיע איז ניט געווען בעקויעך צו פאַרהיפּנאָטיזירן בלויז אונדזער מאַמען. אָבער מיינט ניט, אַז זי קען אין גאָרנישט ניט שפּילן...— ריטע טוט מאַמזעריש א פינטל מיט די אויגן און א ווונק אָף סאָפיע איסאַקאָוונען, וועלכע זיצט אָפּן דיוואַן און בלעטערט א זשורנאַל. — ערשטנס, איז זי א וואָלייבאָליסטקע, און, צווייטנס, שפּילט זי אָף א גיטאַרע. יאָ, געוויס האָט אײַך פאַרינטערעסירט דער נײַער פּערסאָנאַזש — ראָמקע. דאָס איז מײַן צווייטער יינגערער ברודער, ער איז מיט סאַשען א צווילינג. זיי זײַנען ענלעך איינער אָפּן אַנדערן ווי צוויי יונגע קאַרשן... און איבערפּלאָנטערן זיי, ווי פּעטיען מיט סעריאָזשען פון סאַמויל מאַרשאַקס ליד,

איז זייער גרינג. מיר אָבער אָריִענטירן זיך אין זיי לויט די כאַראַקטערן: ראָמקע איז קוועקזילבער, אין אים רוט ניט די נעשאָמע, און סאַשע, דאַקעגן, זעט אויס ווי א פלעגמאַטיק. אָט אזא ראַדיקאַלער אונטערשייד פון די נאַטורן איז מיסטאָמע די הויפּט־סיבע דערפון, וואָס קעסיידער האַרגענען זיי זיך... אויב מיר וואָלטן זיי צו דער צײַט ניט פאַנאַנדערגענומען, וואָלטן דער טשעמפּיִאָן און דער פּערוואָראַזריאַדניק ארומגיין מיט צעדראַפּעטע פּענעמער. מערער כאַפּט אַרײַן סאַשע, ווײַל כוץ דעם, וואָס ראָמקע איז א זשוואַווער, ווי א וויון, איז ער נאָך א סאַמביסט אויך. עמעס, איצט זײַנען שוין אונדזערע קאַרשן אונטערגעוואַקסן, און די באַטאַליעס צווישן זיי קומען פאָר זעלטענער. דער לעצטער מענערשער טורניר איז געווען מיט א וואָכן צוויי צוריק...

און נעכטן זײַנען זיי מיט נאָך פינף יונגע שאַכמאַטיסטן אוועקגעפלויגן קיין קראַסנאָיאַרסק אף א זאָנאַלן טורניר. דער קאַפּיטאַן פון דער אימפּאָזאַנטער דרוזשינע איז סאַשע. מע קען האָפן, אז זיי וועלן אונדז דערפרייען מיט דעם ערשטן אָרט. פאַר סאַשען אָבער וועט די קאָמאַנדירונג זיך נאָך ניט ענדיקן, ווײַל קומענדיק אהיים, וועט ער, ווי א טראַנזיטנער פּאַסאַזשיר, זיצן אפן טשעמאָדאַנטשיקל, מיט גרויס אומגעדולד וואַרטן אף א סיגנאַל פון זײַן דערציִער, מיט וועלכן ער וועט זיך אוועקלאָזן קיין לענינגראַד. אלס טשעמפּיִאָן פון רספּסר צווישן די ייִנגלעך פאַר דעם 1977—1978 יאָר, האָט ער באַקומען א פּוטיאָווקע אף זייער א וויכטיקער פאַרמעסטונג. פאַר דעם, וואָס וועט דאָרט זיגן, וועט זײַן אָפן דער וועג צום אַלוועלטלעכן טורניר פון שאַכמאַטיסטן, וועלכע זײַנען ניט עלטער פון זיבעצן יאָר...

זעענדיק, ווי פלײַסיק איך „סטענאָגראַפיר", הייבט זיך ריטע אָן אַנטשולדיקן:

— מיסטאָמע דערצייל איך זייער גיך, און איר זײַט שוין מיד. איז מיילע, רוט א ביסעלע אָפּ...

— ניין, — זאָג איך, — דאָס אַלץ איז אזוי אינטערעסאַנט, אַז וועגן אײַנגעמאַטערטקײַט קאָן קיין רייד ניט זײַן.

— נו, אויב אזוי, איז לאָמיר פאָרזעצן. איצט שוין וועגן זיך. איך לערן זיך אין עלעקטראָטעכנישן אינסטיטוט אף דער אָוונטיקער אָפּטיילונג און

אַרבעט אין אויסרעכענונגס־צענטער אלס פּראָגראַמיסט. אייגנטלעך, איז דאָס מײַן קומענדיקע פּראָפעסיע. איך האָב זי שוין אזוי גרינטלעך באַ־הערשט, אַז ווען כ׳וועל באַקומען דעם דיפּלאָם, וועט די נויטווענדיקײַט אין סטאַזשירונג בעמיילע אָפּפאַלן...

וואָס איז שײַעך מײַן שאַך־בילדונג, איז זי אויסשליסלעך א היימישע: מײַן ערשטער לערער איז געווען דער טאַטע, און איצט איז מײַן לערער, טרעפט ווער? טאַקע מײַן ברודערל סאַשע. „ס׳געפעלט מיר, וויאזוי ער שפּילט. איך גלייב אים. זײַן דעוויז איז: „זיגן און נאָר זיגן!״. אונטערגעבן זיך איז ניט אין זײַן כאַראַקטער. אויך רעמי האָט ער ניט ליב. טיילן מיט דעם קעגנער אַף דער העלפט דאָס אייגל וויל ער ניט, און שוין! אָט אַזאַ אײַנגעשפּאַרטער נעפּעש איז דאָס... דערווײַל האָט אים דאָ קיינער פון די יונגע שאַכמאַטיסטן ניט באַזיגט...

בא מיר איז אויך אַלץ בא הײַנטיקן טאָג קעשורע. עמעס, מיך באַומ־רויִקט א ביסל, וואָס די לעצטע שלאַכט האָב איך געוווּנען זייער גרינג, כאָטש געשפּילט האָבן קעגן מיר ניט קיין שלעכטע שאַכמאַטיסטקעס. איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז אין א יאָר אַרום וועט די צאָל פּרעטענדענטקעס אויסוואַקסן, אָבער איך פּיל אין זיך קויעך און האָב ניט קיין כיישעק אָפּ־טרעטן עמעצן דעם טשעמפּיאָן־טיטל.

ווי איך פאַרשטיי, אינטערעסירט אײַך אויך מײַן האָבי... איז שטעלט אײַך פאָר, אַז מײַן האָבי איז רײַטן אַף פערד. דאָס איז טאַקע אָן עמעס, איך שפּאַס ניט. און אָנגעהויבן האָט זיך עס דעמלט, ווען מיר זײַנען גע־קומען אין סאָווירט „סיביר״ העלפן אַראָפּנעמען די גערעטעניש. ביז יענעם טאָג האָב איך, אויסער די פּאָני אין זאָאָפּאַרק, נאָענט קיין לעבעדיק פערד צו זיך ניט צוגעלאָזט, און דאָ, אין סאָווירט „סיביר״, ווי נאָר איך האָב זיך געזעצט, בין איך גלײַך אוועקגעפאָרן. קיין שום מיספאַרשטייעניש. פּונקט ווי כ׳וואָלט געבוירן געוואָרן אין זאַטל. און איבערהויפּט — דאָס פערד האָט מיך גלײַך פאַרשטאַנען. מיסטאַמע איז אינעם לעבן וויכטיק זיך באַגעגענען ניט נאָר מיט א קלוגן מענטשן, נאָר מיט א קלוג פערד אויך...

אינעם סאָווירט האָב איך פונעם ערשטן טאָג ביז דעם לעצטן אויסגע־פּילט די פליכטן פון א פעלדיעגער. מע האָט מיך אפילע ניט געוואָלט פון דאָרט אָפּלאָזן. ווײַזט אויס, אַז אָט דאָס מיטל פון פאַרבינדונג איז רענטאַ־

בעלער, איידער ארומטרײַבן א גאַנצן טאָג איבער די פעלדער דעם „גאַ־זיק"...

אויב דאָס איז ווייניק, איז באַ מיר פאַראַן נאָך אַ האָבי — שפּילן אַף אַ גיטאַרע. דו טוסט אַ ריר אירע סטרונעס, און דער אַקאָרד רופט זיך אָפּ טיף־טיף אין האַרצן. שפּילן האָב איך ליב ראָמאַנסן...

דאָס איז אַלץ, וואָס אײַך איז נייטיק. עס וואָלט נאָך, פאַרשטייט זיך, זײַן ניט איבעריק אײַנשליסן אין דער „קאָמפּאָזיציע" אַ דראַמאַטישן צו־פאַל, אַ טשיקאַוו עפּיזאָדל, אַ רײַזע־געשיכטע. אָבער דאָס, וואָס ס'איז ניט געווען, איז ניט געווען, כאָטש קורסירן איבער די שטעט פון אונדזער לאַנד קומט אויס גאַנץ אָפטלעך...

דאָ האָט זיך שוין אַרײַנגעמישט סאָפּיע איסאַקאָוונע:

— אין אונדזער פּולער מיט שאַכמאַטיסטן שטוב איז פּונקט ווי אין אַ האָטעל. סאַשע קומט צו פאָרן, ראַמקע פאָרט אַוועק, ראַמקע קערט זיך אום, ריטע גרייט זיך אין וועג, אַזוי אַז עס איז, אַ דאַנק גאָט, פריילעך, און די טשיקאַווע עפּיזאָדלעך... מײַן האַרץ באַרויקט זיך דעמלט, ווען זיי זײַנען אַלע אין דער היים...

— ווען אונדזער מאַמעניו זאָל קאָנען, וואָלט זי אונדז געהאַלטן אונ־טער די פליגל, ווי אַ קוואָטשקע. נאָך גוט, וואָס אַלע טורנירן קומען פאָר אַף דער ערד. ווען מיר וועלן אָנהייבן שפּילן אין קאָסמאָס, וועט זי ניט אויסהאַלטן און קומען צו פליִען געוווירע ווערן...

ריטע טוט אַ זאָג „טשאַאָ", כאַפּט אין קאָרידאָר די ליזשעס און טראָגט זיך אַוועק איבער די טרעפּ ווי אַ ווירבל־ווינט.

מיט סאַשען האָב איך זיך באַגעגנט פּונקט אין יענעם טאָג, ווען ער האָט געדאַרפט אַוועקפליִען קיין לענינגראַד. די צײַט איז באַ דעם יאַטל געווען אַף אַ שטרענגן דיסקאָנט, און פאַרהאַלטן אים אַף איין איבעריקער מינוט וואָלט פון מײַן זײַט געווען ניט טאַקטיש. דעריבער האָב איך אים פאַרגעבן בלויז עטלעכע פראַגן, אַף וועלכע כ'האָב באַקומען אַן אויסשעפּ־לעכן ענטפער.

אין קראַסנאָיאַרסק האָט סאַשעס קאָמאַנדע פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. סאָף מײַ שטייט פאַר נאָך איין טורניר, וועלכער וועט גיכער פון אַלץ

פאַרקומען אין ארכאנגעלסק. קיין לענינגראַד פאָרט מיט אים זײַן דער־ציִער — איוואן איוואנאָוויטש דוקארט, א דײַטש. ווי קומט דאָס צו א דײַטש אזא עכט רוסישער נאָמען און פאַטערנאָמען, ווייסט ער ניט. אָבער אזוינס טרעפט. אָט האָט מען דאָך יאָהאן שטראוסן בעשאס זײַנע פעטער־בורגער גאסטראָלן גערופן ניט אנדערש ווי איוואַן שטראוס.

פון די וועלט־בארימטע גראָסמייסטערס געפעלט אים מיכאיִל טאל, דאָס איז פלאם און פײַער. ניט אומזיסט רופט מען אים „דער שאכמאַט־נער פאגאניני". פישער געפעלט אים אויך, אָבער יענער איז מיט א פליגעלע אין קאָפּ. אפילו פארמאָגנדיק דעם גרעסטן טאלאנט, דאַרף מען קוידעמקאָל זײַן א מענטש, אנדערש ווערט דער בליאסק פונעם טאלאנט פאַרטונקלט. הייס פאַרליבט, און אַף שטענדיק, איז סאשע אין מיכאיִל באָטוויניקן. אָט פאר וועמען ער איז גרייט אראָפּנעמען דאָס היטל!

סאשע טרוימט זײַן, ווי באָטוויניק, א געלערנטער. ער פארשטייט גאנץ גוט, אז בלויז מיט א טרוים וועסטו ווײַט ניט פארפאָרן, דער וועג איז א שווערער.

איך האָב געהערט סאשען מיט גרויס אינטערעס, געקוקט אין זײַנע ליכטיקע אויגן, פון וועלכע עס שפּראָצט סייכל, און געוואָלט זאָגן:

— דו וועסט דערגרייכן, מײַן טײַערינקער, אומבאַדינגט וועסטו דער־גרייכן דאָס, צו וואָס דו שטרעבסט...

נאָר פּלוצעם האָט א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. סאָפיע איסאאַקאָוונע האָט געוואָרנט, אז באַ איר אַף דער ארבעט געפינט זיך אן אויסלענדישע דעלעגאציע, און קומען איצט אהיים קען זי ניט. איז זאָל ער שוין ווי־עס־איז אליין אײַנקאָמפּלעקטירן זײַן טשעמאָדאנטשיק... באַגלייטן אים וועט זי קומען אין אעראָפּאָרט, גלײַך פונעם זאוואָד. און נאָך האָט זי געזאָגט, ער זאָל אומבאַדינגט נעמען דאָס וואָלענע קאָפּטל, ווײַל אין לענינגראַד איז אפילו אין דער בעסטער צײַט א פײַכטער וועטער.

— נו, יאָ, אוודע, — האָט געענטפערט סאשע, — אין לענינגראַד איז דאָך ווי אין דער ארקטיק, און איבער דעם נעווסקי פּראָספּעקט שפּאַצירן ארום ווײַסע בערן. דו וואָלסט כאָטש אַף אונדז, טײַערע מאַמע, ראכמאָנעס געהאַט אין דעם צווישנפעלקערלעכן יאָר פון קינד...

דערנאָך, ווען ער לייגט אוועק דאָס טרײַבל, טוט ער א ביסל א קלער און זאָגט צו מיר:

— פונדעסטוועגן וועט מיסטאָמע זײַן גלײַכער נעמען דאָס קאַפּטל. א מאמע זאָגט דאָך שטענדיק נאָר דאָס, וואָס מע דארף. איז צוליב וואָס איר פארשאפן הארצווייטעק?

דער שפּאס, אז אין סיביר איז צוועלף כאדאָשים אין יאָר ווינטער און די איבעריקע צײַט זומער, איז ניט זייער ווײַט פונעם עמעס. אָט לאָמיר נעמען כאָטשבי דעם הײַנטיקן ווינטער. ער האָט זיך פרי אָנגעהויבן און ציט זיך לאנג־לאנג. מיר אָבער האָט אָפּגעגליקט באגעגענען גראָד אין די ווינ־טער־טעג צוויי מאָל דעם פרילינג. צוויי מאָל האָב איך געהאט אזא פרישן זעלטענעם געפיל, ווי כ׳וואָלט זיך פלוצעם אָנגעשטויסן אף ערשטע שניי־גלעקלעך...

צוויי מאָל — ווען כ׳בין געגאנגען צו די יונגע גאָלדינס.

• • •

א סטאראָבינער לעגענדע

ריַיך איז דער פּאָלעסיער קאַנט מיט לעגענדעס. און טאַקע מיט אַזעלכע, פון וועלכע יעדעס מאָל ווערט זוניקער אף דער נעשאָמע, פונקט ווי עמעץ וואָלט מיט א דימענט אויסגעשניטן דאָרט א ליכטיק פענצטערל.

איינע אַזא לעגענדע האָב איך געהערט גאָר ניט לאַנג אינעם אווטאָבוס, וועלכער איז געגאַנגען פון סלוצק קיין סטאַראָבין. און דערציילט האָט זי א הויכער ייִד מיט זייער א קלוג פּאָנעם און מיט גלאַנצנדיקע אויגן. צוערשט האָט ער לאַנג געשוויגן, און איך האָב שוין געוואָלט אים פרעגן צו יענעם מין מענטשן, פון וועלכע אַרויסציִען א וואָרט איז שווערער, איידער צעשמעלצן דעם אַיִז־אָקעאַן.

נאָר אָט איז אַנטקעגן אָנגעלאָפן סאָליגאָרסק, און דער שוויַיגנדיקער שאָכן האָט ניט אויסגעהאַלטן, זיך זייער ענערגיש א קער געטאָן צו מיר:

— זעט נאָר, וואָס עס טוט זיך אָפּ אף דער וועלט! אין אַזא פאַרוואָרפן זאַמדיק ווינקל איז אויסגעוואַקסן א הײַנטצײַטיקע שטאָט מיט סקווערן און סעדער. די קאַשע אָבער וואָלט זיך דאָ קיינמאָל ניט פאַרקאָכט אָן דעם זאַלץ, וואָס מע האָט געפונען אַקוראַט אף יענעם אָרט, ווו רווע האָט אַמאָל אָפּגעשטעלט דעם רויטן אָבאָז. נאָר ווי איך זע, זײַנט איר מיט דער דאָזיקער געשיכטע ניט באַקאַנט...

איך האָב, פאַרשטענדלעך, זיך מוידע געווען, אַז די געשיכטע איז מיר

ניט באוווסט, און איך וועל אים זײַן דאנקבאר, אויב ער וועט זי מיר דערציילן.

— נו, — האָט ער געזאָגט, — אָבער איר זאָלט מיר כאסועכאָלילע ניט איבערשלאָגן, ווײַל אָט די זאַך דאַרף מען דערציילן ניט איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם...

און בלויז נאָך דעם, ווי ער האָט זיך פולקאָם איבערצײַגט, אַז איך בין מאַסקים אויספילן זײַנע באַדינגונגען און וועל זיך פירן לײַטיש, האָט ער אָנגעהויבן צו וועבן די לעגענדע, וועלכע איך גיב דאָ איבער וואָרט אין וואָרט.

...אויף דער גאַנצער ווײַסרוסישער פּאָלעסיע איז סטאַראָבין בארימט געווען מיט פערד, איינס בעסער פון דעם אַנדערן. און דעם אויבנאָן אין אָט דעם ייִכעס האָט פאַרנומען רוועס „וויכאָר“. פאַרדינען אין סטאַראָבין אַזאַ ראַנג איז געווען אַ סאַך שווערער, איידער אויסגעווינען דעם ערשטן פּריז אויף די פּעטערבורגער און וואַרשעווער היפּאָדראָמען...

קאָנט איר שוין בעמײלע פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ סאָרט פערד איז געווען דער „וויכאָר“. ניט קיין פערד — אַ גרויסער אויצער: צאַרט, ווי די פליגל בא אַ יונגן בושעל, די אײוורים געטאָקטע, ווי ער וואָלט אָקאָרשט אַרויסגעגאַנגען פון אַ סקולפּטאָרס הענט. די אויגן פּריילעכע, פול מיט פײַער — צוויי זאַפּטיקע פלוימען, ווען נאָך אַ וואַרעמען געוויטער טוט אויף זיי אַ שפּיל דער זונען־שטראַל...

און אויב איר ווילט אין וועג זיך אָפּגאָלן און איר האָט ניט קיין שפּיגל, איז גענוג אָנוועקצושטעלן „וויכאָרן“ אַנטקעגן זיך, ווײַל זײַן פעל איז דער בעסטער שפּיגל.

כאָטש אָן דער בײַטש האָט רוועס ניט געקאָנט לעבן (די סטאַראָבינער פלעגן אַפילע זיך וויצלען, אַז ער איז געבוירן געוואָרן מיט אַ בײַטש אין האַנט), נאָר אויף „וויכאָרן“ פלעגט ער זי קיינמאָל ניט פאַרהייבן: גענוג אַ ריר טאָן די לייצעס און דערצו צוסמאָקען מיט די ליפּן, און „וויכאָר“ טראָגט זיך אַוועק ווי אַ ווירבל־ווינט.

דער גאַנצער קאָנט איז געווען אויף מיט „וויכאָרן“, אַפילע דער גראַף ראַדזיוויל האָט אויף אים געטאָטשעט די ציין. אַפּריִער געשיקט צו רוועס

אַ קאָמיסיע מיט דעם עלטסטן עקאָנאָם בעראָש, דערנאָך אָפּגעוואָרפן דעם שליאַכעטסקן האָנאָר און אין איין שיינעם טאָג זיך אַרײַנגעשטעלט אַליין:

— דזיען דאָברי, פּאַן רוואַ! שוין פון לאַנג וויל איך מיט דיר דורכפירן אַ פײַן געשעפטל: איך דיר — מײַן „קלעאָפּאַטרע", דו מיר — דײַן „וויכאָר", באַש נאַ באַש. נו, מאָהאָריטש, פאַרשטייט זיך, שטעל איך...

רוואַ האָט אים געענטפערט:

— אַנטשולדיק מיר, פּאַן גראַף. ניט וואָס באַש נאַ באַש, אויב דו וואָלסט מיר געבאָטן צוגאָב אַלע דײַנע מאַיאָנטקעס, וועלכע דו פאַרמאָגסט איצט, און אויך אַפילע יענע, וועלכע דו האָסט פאַרשפּילט אין די פּאַריזשער קאַזינאָ, וואָלט איך זיך מיט „וויכאָרן" ניט צעשיידט. פאַרגעס ניט, אַז איך בין אַ פּאָטאָמסטווענער באַלעגאָלע, און בײַ אונדזער באַלעגאָלישן שייוועט איז אַזאַ מין בעפּעש, ווי „וויכאָר", געגליכן צו אַן אייגן קינד...

„וויכאָרס" ביאָגראַפיע, זײַן אָפּשטאַם, איז רוואַ ניט געווען באַוווסט. ער האָט אַפילע ניט געהאַט „וויכאָרס" מעטריקע, ווײַל געקויפט האָט ער אים צופעליק אויפן פערד־מאַרק אין קאַפּוליע, און דאַפקע בײַ אַ ציגײַנער.

ניט אומזיסט איז נאָך דער דאָזיקער קופּליע אַרומגעגאַנגען אין סטאַראָבין אַ גלײַכווערטל:

— אַז גאָט וויל, שאַרט ער צו גליק און פּאַרנאָסע אַפילע מיט ציגײַנערשע הענט...

נו, וואָס שײַעך גליק, איז רוואַ דערפון געווען אַזוי ווײַט, ווי סטאַראָבין פון דעם שטערן אַלפאַ קענטאַוורא. פּאַרנאָסע פלעגט אים אָבער יאָ אויספאַלן אַ ביסעלע מער, איידער אַנדערע באַלעגאָלעס. ווײַל אויב עמעצער האָט כאָלילע געדאַרפט עקסטרענע צו דעם דאָקטער קנאָפּ אין סלוצק, פלעגט ער זיך קוידעמקאָל ווענדן צו רוואַען; טאָמער האָט מען געדאַרפט מיט אַ טראַסק אַראָפּברענגען קלעזמער, — צו רוואַען. נו, און אויב עמעצער האָט געוואָלט פאַרפּלאָנטערן די שפּורן, אַ פיר טאָן פאַר דער נאָז די קלאָווים פון דער צאַרישער אָכראַנקע און אַף אַ צײַט זיך איבערפּעקלען אין פּוילן, — איז ווידער צו אים...

איינמאָל אין זייער אַ שפּעטער שאָ האָט מען שטיל אָנגעקלאַפּט אין זײַן פענצטער. אַזעלכע סיגנאַלן זײַנען פאַר רוואַען קיין נײַס ניט געווען.

ער האָט אָן אײַלעניש אָנגעצונדן דעם וואַקסענעם אָגריזעק אינעם לאַמ־טערן און איז אַרויסגעגאַנגען צו דער הויף־פּירטקע:

— אַנו, ווען מען טראָגט דאָס דער ניטגוטער אין אַזאַ פּאַגאָדע, אַז פֿונעם פראָסט קנאַקן זיך די שטערן, ווי ניס?

— אַנטשולדיקט אונדז, כאַשעווער, אויב מיר האָבן ניט קיין טאָעס, זײַנט איר דאָס דער כאַוואַר רוווים אַראַנאָוויטש, — האָט זיך אָפּגערופֿן אַ מאַנצבלש קאָל.

— יאָ, אַוואַדע האָט איר ניט קיין טאָעס. שוין באַלד זעכציק יאָר, אַז איך בין רוווע. אָבער צו פֿרירן די צונג האָב איך קיין גרויסן כיישעק ניט. קומט בעסער גיכער אַרײַן אין שטוב.

די שוועל זײַנען אַריבערגעטראָטן אַ מאַנצבל און אַ פֿרוי.

דער מאַנצבל איז געווען ניט קיין הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ גרויסן שטערן, די פֿרוי — אויך ניט קיין הויכע, מיט אַ בלייכלעך פּאָנעם, כאָטש זי איז נאָרוואָס אַרײַן פֿונעם פֿראָסט. ווי נאָר רוווע האָט אַ קוק געטאָן אויף די שפּעטע געסט, האָט ער גלײַך פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַרא מענטשן דאָס זײַנען און וועלכע יאָזדע עס שטייט אים הײַנט פֿאָר — פֿאַר קימאַט ווי פֿופֿציק יאָר זיך יאַקשײַען מיט פּאַסאַזשירן האָט ער שוין ווי־ניט־איז זיך אויסגעלערנט צו פֿאַרשטיין אָן רייד, ווּהין ווער עס דאַרף פֿאָרן.

— אַנטשולדיקט אונדז נאָכאַמאָל, כאַוואַר רוווים אַראַנאָוויטש, וואָס מיר באַאומרויִקן אײַך אַזוי שפּעט. גוטפֿרײַנט האָבן אונדז געייצעט זיך ווענדן צו אײַך, און ביז באַגינען מוזן מיר שוין זײַן אין פּוילן, — האָט געזאָגט דער מאַנצבל.

— נו, אין פּוילן, איז אין פּוילן. אַ נאָפּקעמינע... — האָט רויִק געענט־פֿערט רוווע און באַלד באַפֿוילן דעם ווײַב:

— כאַנע־ראָכעלע, ביז וואָס־ווען גרייט פֿאַר די געסט דעם טיש, און פֿאַרגעס ניט, טרייסט מײַנע, צו דער נאַליווקע שטעלן דרײַ גלעזלעך: שוין באַלד אַ גאַנצער מעסלעס, אַז איך האָב קיין טראָפּן אין מויל ניט גענומען.

און צו די געסט:

— אַזוי, אַזוי... האָט איר, הייסט עס, פֿאַרטראַכט אַ רײַזע קיין פּוילן. אָבער אין אײַער אָנצוג קאָן מען פֿאַר אַ האַלבער שאָ אָקאַלייען... אין

אזעלכע גרינגע מאלבושים קאָן מען נאָר איבערלויפן פון איין שטוב אין דער אנדערער...

— עס מאכט ניט אויס, טײַערער רווים אראָנאָוויטש, צו קעלט זײַנען מיר געוווינט, עטלעכע יאָר געלעבט אין סיביר, — האָט זיך ארײַנגעמישט די בלייכע פרוי.

— סיבירער פרעסט זײַנען שטילע, און דאָ, אויב צו א צוואנציקגראַ־דוסנעם קלעפּט זיך צו א ווינטל, קאָן מען גלײַך א טאנץ טאָן די „וועג־גערקע", — האָט אָפּגעפּארירט רוווע און זיך ווידעראמאָל געווענדט צו כאַ־נע־ראָכלען, וועלכע האָט זיך שוין געוואָזיעט באַם אויוון:

— טרייסט מײַנע, נעם ארויס פון דער קאָרזינע די וואָלענע פאטשיי־לע, וועלכע איך האָב דיר געשענקט אין יענעם טאָג, ווען כ'בין אראָפּ פון זינען און געקומען צו דיר זיך שאדכענען.

— און פאָר אײַך, מײַן ליבער גאסט, האָב איך א נײַעם פעלץ, שוין איינמאָל א פעלץ! אין פארגלײַך מיט אים איז אפילע דעם מינסקער גובער־נאטאָרס פוטער — א ראָגאָזשע. אין אזא פעלץ קאָנט איר זיך אין דעם גרעסטן פראָסט דערקלײַבן ביז סאמע קראָקע, — האָט ער שוין אגיטירט דעם מאנצבל און נאָך א ניט־גרויסער פאוזע געוואָרנט:

— טאָמער קלערט איר זיך אָפּזאָגן, איז דאָס, פארשטייט זיך, אײַער זאך, איך אָבער וועל אײַך אין ערגעץ ניט פירן...

בלויז ווען די געסט זײַנען מאסקים געווען נעמען דעם פעלץ און די פאטשיילע, איז ער אוועקגעגאנגען שפאנען דאָס פערד...

אין א מינוט צוואנציק ארום האָט זיך דערהערט א גרינגער סקריפּ פונעם שליטן, און „וויכאָר" האָט, שטייענדיק לעם טויער, געקלאפּט מיט די פאָדערשטע טלאָען, ווי ער וואָלט פרווון דעם וועג.

די פּאסאזשירן זײַנען שוין געווען אָנגעטאָן און מיט אומגעדולד גע־וואַרט אף דעם אָפּפאָר.

רוווע האָט זיך געזעגנט מיט כאנע־ראָכלען, אונטערן ברייטן גארטל ארײַנגעשטעקט דאָס בײַטש־שטעקל און מיטאמאָל זיך א כאפּ געטאָן:

— וואַרט נאָר, וואַרט נאָר... ווו זשע איז אײַער באגאזש?

— אָט איז אונדזער גאנצער באגאזש... עטלעכע ביכער...

— כאנע־ראָכל, דו הערסט: זייער גאנץ האָב־און־גוטס זײַנען ביכער,

אין פוילן — מיט אייגענע ביכער, אלציינס ווי גיין צו אונדזער פעלדשער כאַמיטשן מיט אַן אייגענער מיקסטורע. וואָס, דאָרט זײַנען ניטאָ קיין ביכער?

— פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אָבער דערווײַל ווייסן מיר נאָך ניט גוט די פּוילישע שפּראַך, — האָט געענטפערט דער מאַנצבל.

— אויך מיר אַ גרויסע טירכע, אויסלערנען עמעצנס אַ שפּראַך. איך, צום בײַשפּיל, קאָן אַן אַ פערעוואָדטשיק פאַרשטיין מײַן ברודער באַלע־גאָלע, מעג יענער זײַן כאָטש דער טערק אליין, דערפאַר אָבער פאַרשטיי איך דאָס לאָשן פונעם סלוצקער מאַנופאַקטור־הענדלער בערקאָוויטשן ניט מער ווי מײַן „וויכאָר" די ביבל...

— נאַדיע, נאַדיושע, זײַ אַזוי גוט, גיב מיר מײַן נאָטיץ־ביכל, עס ליגט אין דער מופּטע. איך וועל פאַרשרײַבן רוווים אָראַנאָוויטשעס געדאַנק. עס איז דאָך אַרכי־קלוג געזאָגט געוואָרן, — האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן דער מאַנצבל.

רוווע האָט זיך פאַרכידעשט:

— נאָר אָט דאָס האָט געפעלט — פאַרשרײַבן מײַן געדאַנק! אַ נײַעם פילאָסאָף געפונען... לאָמיר שוין טאַקע פאָרן, אַנדערש וועלן מיר זיך ביז באַגינען קיין פוילן ניט דערקלײַבן...

...פון סטאַראָבין ביז דעם דערפל קאָפּטשעוויצי האָט קיינער ניט אויס־גערעדט קיין איין וואָרט, ווײַל די מעטעליצע האָט זיך אַזוי פאַנאַנדערגע־גאַרטלט, אַזוי געוואָיעט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט: אַ גרויסע סטאַדע וועלף פּראַוועט דאָרט אַ כאַסענע. נאָר אָט איז שוין פון רעכטס, ביזן האַלדז אין שניי, פאַרבליבן דאָס דערפל, און „וויכאָר" האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין דעם גרויסן קאָפּטשעוויצער וואַלד. דער געוואָי איז אין איין אויגנבליק נעלעם געוואָרן, און דער מאַנצבל האָט באַשטימט אויסנוצן די פאַרבליבענע צײַט: אָנגעהויבן זיך געבן פאַנאַנדערפרעגן בא רוווען וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין פּאַלעסיע.

קריכן נאָך אַ וואָרט אין קעשענע האָט רוווע ניט געדאַרפט, אַף יעדער פראַגע געענטפערט דײַטלעך און מיט אַזוינע וויצן, אַז דער פּאַסאַזשיר האָט סאָפּקאָלסאָף ניט אויסגעהאַלטן און זיך הויך צעלאַכט אַפן גאַנצן וואַלד.

די פרוי האָט זיך דערשראָקן:

— וואָלאָדיע, שטילער א ביסל! פארגעס ניט, ווו מיר געפינען זיך, אונדז קאָן נאָך דערהערן די סטראזשע...

— וועגן דעם מעגט איר זײַן רויק, — האָט זיך צעשמייכלט רוווע, — אויב איך האָב זיך גענומען אריבערפירן אײַך קיין פוילן, איז דאָס איבער אזא מין וועג, ווו קיין איין פאראַאָן וועט ניט ארויסשטעקן זײַן נאָז.

...אַף דער פוילישער זײַט זײַנען זיי אָנגעקומען באגינען. אין דעם ברוינלעכן פראָסטיקן דרויסן האָט זיך געהערט, ווי ערגעץ אין א ווײַטן פאָלווארעק האָבן זיך צעקרייט די ערשטע הענער.

— נו, אָט איז עס, פוילן. דאָ קוקט שוין אליין. מײַן אייסעק איז איבערגעפעקלט א פאסאזשיר, און טייקעף פארקער די האָלאָבליעס, — האָט געזאָגט רוווע.

— נישקאָשע, נישקאָשע, בא אונדז זײַנען אין פוילן פאראן א סאך גוטעפרײַנט, — האָט אים געענטפערט דער מאנצבל און טייקעף א פרעג געטאָן:

— איז וויפל זײַנען מיר אײַך פאר אלצדינג שולדיק, טײַערער רווים אראָנאָוויטש?

— איך זע, אז איר זײַנט זייער גוטע מענטשן, אָבער ניט קיין רײַכע. און טאָמער האָט איר יאָ אָפגעשפאָרט א פאָר קאָפּעקעס, איז היט זיי, דאָ וועט אײַך אזא מין קאפיטאל בעפיירעש צוניץ קומען. און דעם פעלץ נעמט, און די פאטשיילע נעמט. האיאָר איז אומעטום זייער א קאלטער ווינטער. און מיט מיר וועט איר זיך יאקאָס פאנאנדערצאָלן: א בארג מיט א בארג גייען זיך ניט צונויף, אָבער א באלעגאָלע מיט א פאסאזשיר — שטענדיק...

— נו, גוט, — האָט א שמייכל געטאָן דער מאנצבל, — קיין רוסלאנד וועלן מיר זיך אינגיכן אומקערן, און אויב לויט דעם איצטיקן מארשרוט, וועלן מיר שוין אײַער גאסטפרײַנטלעכע שטוב אין סטאראָבין ניט אויס־מײַדן... נאָר א צעטעלע וועל איך אײַך פונדעסטוועגן אָנשרײַבן. מיט איין באדינג: איר זאָלט עס דערווײַל קיינעם ניט ווײַזן.

— נו, דאָס איז שוין אן אנדער קאָלענקאָר, אף דערוף בין איך מאס־קים, — האָט רוווע גענומען דאָס צעטעלע, זיך הארציק, ווי מיט די סאמע

טײַערסטע פרײַנט, צעזעגנט מיט די פּאסאזשירן און אַ ריר געטאָן די לייצעס.

אין דער היים האָט כאַנע־ראָכל איבערגעלייענט:

„אַ צעטעלע. געגעבן דעם כאַוואַ רווים אראָנאָוויטשן, אַז איך בין אים שולדיק:

1. פור־געלט פון סטאראָבין ביז פּוילן.
2. פאר אַ נײַעם פּעלץ.
3. פאר אַ נײַער וואָלענער פאטשיילע.

וולאדימיר אוליאנאָוו".

...אין אַ צײַט ארום, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָליוציע און די גאנצע וועלט האָט געקאָכט מיט וולאדימיר אוליאנאָווס נאָמען, האָט רוווע געזאָגט צו כאַנע־ראָכלען:

— צי דאכט זיך דיר ניט, מײַן טרייסט, אַז דאָס איז יענער אוליאַ־נאָוו, וועלכער איז מיט פינף יאָר צוריק געווען בײַ אונדז אין שטוב?

— אײַ, רווע, רווע! שוין אַזויפיל יאָר האָסטו אָפּגעלעבט און זיך ניט אויסגעלערנט האָבן געדולד. ווארט צו, וועלן מיר זיך דערוויסן פּינקטלעך.

און ווען די רויטגווארדייִשע ראַזוועדטשיקעס האָבן אין סטאראָבין פאַרפירט לענינס ערשטן פּאָרטרעט, איז שוין דער צווייפל פארשוווּנדן.

— דאָס איז ער, — האָט זיך געפרייט רווע, — איך בין טאַקע מיסטאָם געבוירן געוואָרן אין אַ גליקלעך העמדל. ניט אומזיסט פלעגט מען דער־ציילן, אַז ווען איך האָב זיך באַוויזן אויף דער וועלט, האָט זיך צעקרייט אונדזער ראַבע הון.

גאַנץ סטאראָבין איז דעמלט געגאַנגען כאַדאָראָם, און יעדער סטאראָ־בינער איז געווען גליקלעך, ווי רווע. און אַ וועלכע רויטגווארדייִשע טייל עס איז ניט דורכגעגאַנגען דורכן שטעטל, פלעגט דער שטאַב זיך שטענדיק אָפּשטעלן אין רוועס שטוב. לויט דער באַקאָשע פון די קאָמי־סאַרן, פלעגט ער ארויסטרעטן פאר די סאָלדאַטן פון דער רעוואָליוציע, זיי דערציילן געניו וועגן אַלצדינג, וואָס עס איז פּאָרגעקומען אין יענער ווינטערדיקער נאַכט...

ווען די סאָוועטנמאַכט האָט זיך אויף שטענדיק אײַנגעשטעלט, האָט מען

אָנגעהויבן אָנדײַטן רוװען, אַז ס'איז שוין בעפֿײרעש געקומען די צײַט דערמאָנען לענינען װעגן דעם כּיוו. רוװע האָט געענטפֿערט:

— נאָך פֿרי, ברידערלעך מײַנע, אונדזער ראַטנמאַכט האָט זיך נאָך ניט אײַנגעמאָסטעוועט. אָט װען עס װעט װערן רויִק, װעל איך דעמלט מיט מײַן כאַנע־ראָכעלען מאַכן אַ רײַזע גלײַך אינעם קרעמל. דערװײַל אָבער דאַרפֿן מיר אַלע העלפֿן אונדזער מעלוכע זיך שטעלן פֿעסט אויף די פֿיס...

און ער האָט פֿאַרגעלײגט, און די סטאַראָבינער באַלעגאָלעס האָבן באַשטימט: פֿירן פּאָלעסיער קאַרטאָפֿל פֿאַר מאָסקווע, צו דער אײַזנבאַן־ליניע אין סלוצק, אָן געצאָלטס. אין די טעג, װען אַזעלכע אָבאָזן פֿלעגן אַװעקגײן פֿון סטאַראָבין, איז דאָרט געװען דער גרעסטער יאָמטעוו.

די יעדיִע װעגן לענינס טויט האָט רוװען אָנגעיאָגט אין װעג, װען ער האָט געפֿירט אַ רויטן אָבאָז. ער איז אַראָפּגעקראָכן פֿונעם שליטן, אַרומגענומען „װיכאָרן" פֿאַרן קאָפּ און צום ערשטן מאָל אין לעבן זיך צעװײנט. דער אָבאָז הינטער אים האָט זיך צעצויגן אויף אַ גאַנצן װיאָרסט, װײַל קײנער האָט ניט געװאַגט אים אַריבעריאָגן. אַלע מענטשן, װאָס האָבן באַגלײט דעם אָבאָז, האָבן געטרויערט און געװײנט אַזוי שטאַרק, אַז זײערע טרערן האָבן דורכגעקלאַפּט דעם שנײ און זיך אײַנגעזאַפּט אינעם זאַמד, פֿאַרװאַנדלענדיק זיך דאָרט אין זאַלץ...

אָט איז אײַך די גאַנצע געשיכטע.

איך האָב אָפּגעדאַנקט מײַן שאָכן אינעם אױטאָבוס פֿאַר דער לעגענדע. פֿאַרשטײט זיך, איך האָב פּינקטלעך געװוּסט, אַז לענין און קרופּסקאַיאַ זײַנען געפֿאָרן קײן פּוילן מיט גאָר אַן אַנדער מאַרשרוט, אין סטאַראָבין און בכלל אין פּאָלעסיע זײַנען זײ קײנמאָל ניט געװען, מיסטאָמע האָבן אין יענער נאַכט צו רוװען אָנגעקלאַפּט אַנדערע רעװאָליוציאָנערן. און דאָך האָב איך װעגן דעם מײַן שאָכן קײן אײן װאָרט ניט געזאָגט. שװער אַפֿילע זיך פֿאָרשטעלן, װאָס פֿאַר אַן אַגמעסנעפּעש ס'װאָלט אים פֿאַרשאַפֿט. און כאָטש דעם, װאָלט זיך שוין מיסטאָמע גאָרנישט ניט געענדערט, װײַל פֿון לאַנג און אויף שטענדיק האָט שוין אָפּגעבראַזט דער באַלעגאָלישער סטאַראָבין, פֿון לאַנג זײַנען אָפּגעשטאָרבן די לעצטע מאָהיקאַנער פֿון דעם

דאָזיקן מעכטיקן אומרויִקן שייוועט, פֿון לאנג האָבן זייערע קינדער, אייי־ניקלעך און אורייניקלעך זיך באַזעצט אין די גרויסע שטעט.

פון לאנג האָט זיך צעטראסקעט דער שטיין אף רוועס קייווער, פֿון לאנג איז שוין אף יענעמס אָרט, וווּ ער איז געשטאנען און געוויינט, אויס־געוואקסן סאָליגאָרסק. די לעגענדע אָבער לעבט און וועט אייביק לעבן, ווי אייביק און אומשטערבלעך ס'איז לענינס נאָמען.

● ● ●

אין קרויז פון רײַכן קאנט

נאָװאָסיבירסק

א פריילעכע, א טײַערע,
מיט פלעצער אָן א שיר,
אין מיריאדן פײַערן
די הויפּטשטאָט פון סיביר.

א צענטער פון אינדוסטריע,
די קרוין פון רײַכן קאנט,
איר גוטער רום באוווסט עס איז
אין אלע עקן לאנד

מיט די גיגאנטן כימישע
און מיטן „סיבסעלמאש״
צום שטעטל אקאדעמישן
דאָ פירט די לֶענין־גאס.

אמאָל האָט באַלעבאַטעוועט
דאָס אומרעכט אין ראַסיי,
די טעמפּע גובערנאַטאָרן,
דער שפּיק, די פּאָליציי.

מיט די סאָלדאַטן שיקערע
פון דעם קאָנוואָינעם פּאָלק
ניקאָלקע האָט פארשיקט אַהער
די בעסטע זין פון פאָלק.

און ס׳האָט זיך בונט צעצונדן דאָ
פון אופשטאַנדן דער בליץ, —
פלאַמיקער עדמונדאָוויטש,
אומשטערבלעכער איליטש.

און קיראָוו האָט די אונטערערד
מיט לענינען געשמידט,
די „וואַרשאַוויאַנקע" מונטערע
געוועזן די בעסטע ליד.

און גרויס דער שטאָלץ דערפאַר דאָ איז.
און ס׳שטעלט זיך אויף דער זאַל,
ווען ס׳זינגט די אַלטע גוואַרדיע
דעם אינטערנאַציאָנאַל.

די סיבירער טײַגע

פון אַלע זײַטן אַטאַקירן די בוראַנען,
קאַסקאַדן פײַערדיקע אָן אופהער כלינען,
נאָר פעסט זי שטייט, ווי ס'איז געשטאַנען
דעם אַטאַמאַן יערמאַקס דרוזשינע...

בלויז ווען אַ מאָרגן־שטערנדל צעגליט
פליט דורך, זי טוט אַ ציטער:
עס דאַכט זיך איר: דאָס איז אַ שפּליטער
פון דעם טונגוסער מעטעאָריט.

מײַן געמיט

פון זייער לאַנג פאַראַן באַ מיר
אַ קלאַל, וועלכן כ'קאָן קיינמאָל ניט פאַרגעסן:
אויב אַ וויוגע — איז אַזאַ ווי אין סיביר,
אויב אַ געוויטער — איז אַזאַ ווי אין פּאָלעסיע.
אויב אַ וויוגע — איז מיט אָט דער זעלבער קראַפט,
ווי אין צײַט פון ליבע באַ אַ יונגער כײַע,
אויב אַ געוויטער — איז דעם הימלשן לאַנדשאַפט
אַ בוראַוווע טאָן מיט שטעכנדיקן פײַער.

כ'וואָלט אין מײַן לעבן זײַן פולקאָם באַנוגנט,
ווען קעסיידער וואָלטן מײַן הארץ געדראָ'ט
דער געוויטער פון פּאָלעסיע, די סיבירער וויוגע.
פון אַ שטילן וועטער אָפּהיטן זאָל גאָט...

א ייִד

איבער דעם סיבירער טײַך, אַף א „ראַקעטע״,
שווימט א ייִד קיין מעגיאָן,
ס׳איז הײַנט א זעלטן לינדער וועטער,
די זון אינעם פארוואַטער — ווי א פאָן.

שווימט דער ייִד פאַרבײַ סורגוט,
פאַרבײַ קאַרגאַט און ניזשני־וואַרטאָווסק,
און די נאַטור מיט יעטווידער מינוט
דאָ ווערט אַלץ פּרעכטיקער, אַלץ צאַרטער.

שווימט א ייִד, א העלד פון מי,
פון גליק עס שײַנען זײַנע אויגן.
ער האָט אין ערטער אָט אָ־די
די טיומענער נאַפט־טראַסע געצויגן.

ער שווימט אַהיים קיין מעגיאָן
(צום אייניקל אַפן באַם צוגאַסט געפאָרן).
די זון אינעם פארוואַטער, ווי א פאָן,
פלאַטערט אַף די כוואַליעס קלאָרע.

די סיבירער ריאבינע

צווישן אַ שטיל וועלדל און אַ פוסטער לאָנקע
שטייט זי מיט אַ פארויטלט פּאָנעם,
פונקט אָט ווי אַ יונגינקע טשאלדאָנקע,
וועלכע באַהאלט זיך פון שאדכאָנים...

כאָטש זי איז אָרעמער פון אירע ווײַטע שוועסטער,
מיט וועלכע ס׳גרויסט זיך די ריאזאַנער ערד,
נאָר ווען אין שפּעטן הארבסט איר שײַטערל דערזעסטו,
אף דער נעשאָמע ווארעמער עס ווערט...

א גרויסער טאָעס

כ׳האָב אף מײַנע ליזשעס איבערן טאָל
געטאָן אַ פלי הײַנט, ווי אַ פײַל פון בויגן,
צו יענעם אָרט, ווו ס׳האָט אמאָל
זיך דער סיבירער טראַקט געצויגן.

און געווען כ׳בין נײַגעריק אומענדלעך:
פונדערווײַטן אויסגעדאכט האָט זיך,
אַז צוויי שווארצע פלעקן אף דעם שניי זײַנען די בענדלעך
פון אמאָליקע ארעסטאנטסקע שיך...

נאָר כ׳האָב געהאט א גרויסן טאָעס,
דאָס זײַנען גאָר געווען צוויי שאָטנס
פון יענע הויכוואָלטאָווע דראָטן,
וועלכע סיביר מיט שײַן עס פּאָיען.

אינהאלט

פון דעם גנילאָפּיאַט ביז דעם יעניסיי 3
די אייביקע שלאַכט 18
בעלאָצערקאָווער קנאָבל 33
צוויי טשעמפּיאָנען 38
א סטאַראָבינער לעגענדע 46
אין קרוין פון רײַכן קאַנט (לידער־ציקל) 56

כאַים גורעוויטש

אַף סיבירער ערד

(פאַרצייכענונגען און לידער)
מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 1980, 64 זײַטן
הילע — ג. קראַווצאָוו
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאַקטור —
מ. סאַפראָנאָוויטש, ס. טשערניאַק
קאָרעקטאָרן — א. סטרעלניק, כ. פּאָטאַשניק

Хаим Гуревич

НА СИБИРСКОЙ ЗЕМЛЕ

(очерки и стихи)

М., «Советский писатель», 1980, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художник Г. Кравцов
Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк
Корректоры А. Стрельник, К. Поташник

Сдано в набор 30.XI-1979. Подписано к печати 18.I-1980.
Формат 70×108¹/₃₂. Бумага типографская № 1. Печ. л. 2.
(Условн. печ. л. 2,74). Бум. л. 1. Заказ 1783.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to Sovietish Heimland No. 2, 1980

© Журнал «Советиш геймланд», 1980.

אין דער ערשטער העלפט פון 1980 וועלן דערשײַנען אלס בײַלאגעס צו „סאָוועטיש היימלאנד"

פאָלגנדע ביכער:

נאָטע לוריע — „בא אונדז אין אָדעס"

כאַים גורעוויטש — „אף סיבירער ערד"

הײַנטצײַטיקע רוסישע זינג־לידער אין דער איבערזעצונג אף ייִדיש.

בראָכע און ארן בורשטיין — „דאָס נײַע פעלד"

הערש רעמעניק — אף די וועגן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור (נאָטיצן פון א קריטיקער)

קאָרבאָנעס פון דער אליִא (לויט די מאטעריאלן פון דער וועלט־פרעסע)